ש. נעפּאם

פּענטעם

143
1401
112

54VV

ביבליאטעק און לעזע־צימער פון אידיש
נאציאנאלען ארבייטער פערבאנד
LIBRARY AND READING ROOM OF THE
Jewish National Workers' Alliance

ספריה עממית בטורונטו
ייִדישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ביבליאטעק און לעז צימער פון אידיש
נאציאנאל ארבייטער פערבאנד

LIBRARY AND READING ROOM OF THE
Jewish National Workers' Alliance

ש. נעפּאָם

פּ ע נ ט ע ס

פארלאג ,,י ו ג נ ט''
טאראנטא, קאנאדע
1 9 2 8

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/unknown0000unse_i4x9

אונטערן בייטש

אינהאלט:

האָראָוואַניע	9
דאָ ניט לאַנג	10
רעוואָלט	12
פון א צעטראַטענעם	14
א בינטל טעג	15
נאכט קאַרנאַוואַל	16
אָן זומער	17
אויף ערדישע ווייטן	18
בארג-פייערן	19
בא דער ניי-מאשין	20
דער שוימער	21
פענטעס	22
דער טאג פון גערעכטיקייט	23
צו די היטער	24
אינגלאך זיינען מיר	25
פארלאמאדאנא	26
אין א וואגאן מיט הארעפאשניקעס	27
אין די דאַזיקע נעכט	28
דער עלפטער נאָוועמבער	29
אין די פאַדוואלן	30
פאַבריקן	31
אין די טיפענישן	32
קריכטענעס-בוים	33
אויסברוך	34
מינוטן אזעלכע	35

Copyright applied for by
S. Nepom
Toronto, Canada

געדרוקט ביי
קאהן און שערמאן ארטיסטיק פרינטערס
278 ספעדיינע עוועניו, טאראנטא, קאנאדע

36	שווארצע שלייערן
37	פאַרטאגיקע
38	אויף דער שוועל
40	מארטירערטום
41	ראַפּסאדי
42	סאקאָ און וואנזעטי
43	דעמאקראַטיע
44	אין זאָאָלאָגישן גאָרטן
46	מיין גאס
47	ליידיקגייער
48	דאָס ליד פון קאלעקטיוו
49	צעבלאָזענע פונקען
50	אָן צוריקקער
51	הייסע טעג
52	אויף וועגן
53	טויט
54	אין טראמוויי
55	צווישן הימל און ערד
56	נויאָרק
59	פרילינגס טאנץ
60	וועג גראָזן
61	פאר אונזער צוקונפט
62	אומריינע הענט
63	צו אַ קאנאַדער קריסט
64	קאנאדע
65	טרייסט
66	מיר נייען

ספריה עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO



דער אָנהייב האָט זיין זיג געשאַלט,
צום יאָנטעוו מעסט די טריט דער ריז,
מיט סריפּעס פלאַקערט דער ארום;—
ווער קאָן עס בלייבן טויב און שטום,
מיט פּענטעס אויף די הענט און פיס ?

ביבליאָטעק און לייען צימער פון ייִדיש
נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד
LIBRARY AND … OF THE
Jewish Nati…

צום אנדענקען, מײנע עלטערן,
נחום שלמה און לאה נעפּאָמניאַשטשי

אונטערן בייטש

האראוואניע

שווערע האָראוואניע,
צוגעבונדן שטארק;
אלע מיינע יאָרן,
אויסגעקוועטשט אין מארק.

אויף דער צייט'ס מינוטן,
אויף איך פּאס און ציין,
לויף איך ווי א רעדל
און צערייס מיין זיין.

און מיין האָראוואניע,
גיסט זיך אויס געשווינד;
לעקן מיינע בלוטן
אומדאנקבארע הינט.

לאָזט אָפּ אַ ביסל דער שיגויען
פון טאנץ אויף רייטנדיקן טאג;
געווען ניט לאנג בין איך אין קאָן
און האב געהאלדזט מיין אייגן קלאג.

דא ניט לאנג

לאָזט אָפּ אביסל דער שיגויִען
פון טאנץ אויף רייטנדיקן טאָג;
געווען בין איך ניט לאַנג אין קאָן
און האַב געהאלדזט מיין אייגן קלאָג.

איך האב געשטיקט זיך יאָרן לאנג,
מיט דעם פארבאָטענעם פאר מיר.
געריסן האָט אַ ווילדער דראנג
צום שלאָס פון מיין פארשפארטער טיר.

דאָס הארץ איז שווער פון צוים און ראָסט,
די ציין זיך בייסן אין דעם שטאָל;
די פענטעס האָבן ניט פארלאָזט
מיין שוועל פון אלטקייט און אמאל.

האַט איינמאל אויף מיין בלייכער שויב,
א שפיל געטאָן אַ רויטער זשאר,
מיין ברוסט האָט זיך געטאָן א הויב
אָן אָנזאַג: שווייג, מיין טיפער צאַר!

די הענט האראפאשנע פון הונגער און טויט,
ווען אנטקעגן די דריי, ווי ווענט אויפגעשטעלט,
דער קלויסטער, דער טראָן און דער גאלדענער קאלב.

שלאָפט די נאכט שוין ניט מער,
נאָר צעפלייצט,
און צעקרייצט,
איבער דעם מענטשן אַקעאַן,
ברויזט רעוואָלט.

נעם מיין האַרץ,
טו א קוש,
טו א ברי,
טו א ברען.
ביזט דאך שטארקער פון זון,
ביזט דאך רויטער פון זשאר,
און שארפער פון שווערד,
און פלינקער פון בליץ

איך גיי מיט דיר,
כבין דיר טריי,
נעם באפריי!

רעוואלט

נעם מיין האַרץ, טו א קוש, טו א ברי, טו א ברען,
ביזט דאָך רויט,
ביזט דאָך שאַרף,
ביזט דאָך זשאַר,—
דיין פאַרנעם איבער וועלטן.
דו ביזט שטאַרקער פון זון,
דו ביזט שטאַרקער פון ליכט:
דו ביזט פלאַם, מענטשלאַך בלוט,—
ביזט רעוואלט !

כהאָב מיין דורשט געוואלט שטילן אין שוואַרץ-נאַכטיקן קאָס,
כהאָב פאַרהוליען געוואָלט מיינע גרויזאַמע טעג,
ווען טאַבונען, ווי פערד,
האט געטריבן, באַרג אַרויף,
דער צאָרן, מיט פלאַם-פייערדיקן וואוט.
כהאָב דערקאָנט,
אין דעם ליכט, אין דער בראַנד,
די טרעגער פון מי און פון נויט:

א בינטל טעג.

א בינטל טעג אויף מיינע פלייצעס היינגען,
צעבראָכענע, צעריסענע, צעשניטן,
אויף גאסנדיקע רינשטאָקן זיי ברייגגען
די רענדלאך אויף די פאטשערקעס פארביטן

פאר יעדן זיך אוועקשטעלן און זינגען,
ווי בלינדער אויף די מערק, מיט קראנקער שטימע,
און טעצל מיט די לויבגעזאנגען קלינגען,
קעדיי אביסל מיטלייד צו געפינען.

דעם אינערלאכן וויטיק טיף באגראָבן,
מיט פעדערן זיך פוצן, אַלאַ מאָדערנער,
די שמייכלען די איראנישע דא קלייבן,
און שמייסן זיך אליין מיט שארפע דערנער.

אַראפּ די מאסקע פון מיין אייגן פּאָנים,
גענוג געבעטלט אויף אייגענעם ביין-וואונדער,
מיין אינערלאַכער קאָל וועט ניט פארשטומען,
איך קאָן שוין מער ניט זינגען ווי דער בלינדער.

פון א צעטראטענעם

נאַט וואַרגט זיך בעסטיעס,
מער קאָן איך אייך ניט געבן
צעקרומט, צעלאַמט מיין אויסגעשפיגן לעבן.

מיט יעדן ביס, וואס דארף די צונג באטאמען,
וועט מיין האס,
אייערע טעג פארסאמען.

פון יעדער וואנט, וואס איר וועט רייך באוואוינען,
וועט אייך מיט שרעק,
מיין שאטן שווארץ באקרוינען.

און איבער אייך, איר זאטע,
פארשיקערטע, מיט בייכער פולע,
ווי דער וואולקאן, וועט פאכען ווילד מיין קלאָלע.

ביבליאטעק און לעזצימער פון אידיש
נאציאנאלען ארבייטער פערבאנד
LIBRARY AND READING ROOM OF THE
Jewish National Workers' Alliance

אן זומער

מ׳זאגט מיר ס׳וועט היי־יאר קיין זומער ניט זיין,
די זון האבן אייזיקע וואלקנס פאַרשטעלט,
עס וויקלען אין טרויער די שאָען זיך איין,
דער נאקעטער בוים שטייט אנטקעגן און שעלט.

צעליינ איך א פייער, פאַרברען מיינע טעג,
און עס ווערט אויפן הארצן אזוי ווארעם און גרינג;
עס קנאקן די שייטלאך אזוי אויפגערעגט,
עס קלינגען די שויבן; איך פריי זיך און זינג.

וועט זומער ניט קומען מיט זוניקער שיין ?
דאס יאביקע לעבן עס שעפט זיך ניט אוים:
מיר מאכן איצ ווינטער אַ זומער אַליין,
צעצינדן א פלאקער אויף ערדישער גרוים.

נאכט קארנאוואל

אין יאם פון לויפנדיקע ליכט,
אין גלעקער פלאם, אין נאכט געברויז,
אויף טויזנט שטיקער-שרעק מיין הארץ,
ווען וואן קושט ווילד מיין לעבן אויס.

אויף טויזנט פענצטער גלאנץ - געשארף,
פאנטאסטיש טיפערן מיין מויאך,
אין נעכט פון טשאד, אין טעג פון בלוט,
ווען לעבן איז בלויז קנוילן רויך.

צעשטויב אויף שטיינערדיקע שטעט,
מיט פאנצער - קלעפ די קראַפט פון ריז,
דער אומרו פון עלעקטרא וועלט,
דער גרין זיגזאַגישער קאפריז.

אין מיטן גאס אנטבלויז דיין לייב,
און פייקל האס אין טאַמבורין,
דעם אויגן גלאָץ אין כאָלאָל שיק
און פרעג בא קיינעם ניט דעם זין.

בארג פייערן

שטארקער פלאם, עס קנאקט און ברענט,
שייטלאך האלץ אין יונגע הענט.
בארג ארויף, באם וואלדישן זוים,
רויט ווי פייער יעדער בוים.

קינדער זיצן אין א ראָד,
ווייט פון טומלדיקער שטאט;
פונקען פלי, ווי רויטער בליט,
יונגער דאָר טאנצט אין דער מיט.

און פון בלויען זייד צעהעלט,
שווימט ארויס די קינדער וועלט.
שטארקער פלאם ווערט ווילד און גרויס,
„ברענען מיר די שאָטנס אויס!“

און דער וואַלד צעטומלט ווערט;
האט אזוינס נאך ניט געהערט.
קלינגען עבאָס פון זיין שויס:
„ברענען מיר די שאטנס אויס!“

אויף ערדישע ווייטן

געזאָטלט וואָלט איך מיינע פערד,
דאָס רויטע טיכל אויפן נאַקן,
געלאָזט זיך איבער גאָרער ערד
און זאָל די זון נאָך הייסער באַקן.

מיט וויאָרסטן טויזנט אונטער זיך,
און איבער וועלט מיט שאַרפע קאַמען;
מיט ווינטן טאַנצנדיקע אַרום,
דעם שווערן אַפּפאַל אויסצוראַמען.

געזייט אויף שטרעקעס רעכטס און לינקס,
אונטער די רויטע רעגנס שלאַקסן; —
זאָל נייער דאָר, ווי ווייץ געדיכט,
צום טראָץ די שוואַרצע סאָנים וואַקסן.

דער שניט וועט קומען פרי צי שפּעט,
און זאָל די זון נאָך הייסער באַקן;
איך וועל זיך לאָזן אויף די פערד,
מיט רויטן טיכל אויף מיין נאַקן.

דער שוימער

בא טראָג-מאַשין פון ניט דערבויטן הויז,
אויף שטיקער האָלץ, מיט בערגלאך זאמד און שטיין,
דער שארפער פראָסט צעשקאַליעט זיינע ציין,
פארוואָגלט זיצט דער שוימער נאך אליין.

לאמטערן שפרייט דעם קילן שיין אויף ערד,
צוויי קעץ—פיר אויגן, דימענט גרינער פלאַם;
די שפעטע שאָ אויף נאכט הייננט וואגיק שווער,
די רויע ווינטן יאגן זיך פון יאַם.

די שפעטע נאכט אין גרויקייט איז פארטיפט,
דער רויש אנטלויפט מיט אים, ווי פון הונט דער ביל;
עס שארן זיך די פיס פון שוימער שטיל,
אויף דעם אספאלט בלויז שטיפט א שטיק פאפיר.

באַ דער ניי-מאַשין

שטעפּ מאַשינע, וועלטן ווייטע,
ראָד און רעדל יאָרן דרייען,
ס'איז דער רוקן שוין האָרבאַטע,
שרייט מאַשינע: נייען, נייען . . .

רויט דער קאָפּ, אין בלוט פּאַרטרונקען,
נאָך דעם האָרבסטיקן פאַרגייען;
לייב און לעבן איז פאַרזונקען
אין די רעדער, אין דעם נייען.

שוואַרץ דאָס טוך, און ווייס די פינגער,
יאָרן פיינלאַכע פאַרגייען;
און עס ווערט ניט מיד דער זינגער,
באַם מאַשין פון לאַנגן נייען.

שטום די וועלט, אין נאַכט באַהאַלטן,
שטערן קומען און פאַרגייען;
אין אַ צימער אין אַ קאַלטן,
גויסעסט ווער באַם ראָד, באַם נייען.

דער טאג פון גערעכטיקייט

(צו די מאכטהאבער)

פארשליסט די טירן פעסטער,
פארמויערט אלע לעבער.
דאס וויי-געשריי צערייסן . . .
צעריסן קלינגט דאס העבער.

ניטא קיין קראפט זאל צאמען,
ניטא קיין מוט צו לינדערן.
די מוירע וואקסט אלץ טיפער,
דאך שארפער ווערט דער שינדער.

אין קאס פון פרייד און וואוילטאג,
אויף אלע ליבט קרישטאלן,
איין מאַנער און איין שטראפער,
א טויט גלאנץ אויף די שטולן.

עס האט א יאַם פון טרערן
געזאמלט זיך פון יארן;
פארמויערט אלע פענצטער,
אייך טרעפן וועט זיין צארן.

פענטעס

ריגלען אויף די טירן,
שלעסער אויף דעם מויל:
וואו וועסטו מיך פירן
פון דעם אנגסט און גרויל ?

אויף מאראלע הויכן,
טראָגט דער בייזער שעד;
וואו מיין אויג קאן גרייכן,
לאכט ארוים די זעט.

שוימרים בא דעם טויער:
היטער פון געדאנק;--
און א פענטע לויערט
אויף מיין לעבנס גאנג.

אינגלאך זיינען מיר

מיר זיינען אינגלאך, מיט גרויסע שקאַצערייען,
וואס גלויבן נאר אין ברענענדיקער טאט.
איר קאנט דאך אונז מיט ווערטער ניט פארשרייען,
וואו שעקער הערשט, דארט קעניגט אויך פאראט.

מיר גלויבן ניט אין זיטלאכקייט און מידעס,
מיר זיינען ווילד ווי די טאבונען פערד.
וואס טויגן אונז די צוגעזאגטע סידעס,
ווען אונטער אונז ברענט קאמף אויף גאַרער ערד.

דערצויגן האבן אונז די ווילדע שטורעמס;
די צאל פון אונז — ווי שטערן און ווי שטויב;
מיר האבן בלויז - ווי אייזן שטארקע ארימס,
מיר ווערן זיך פון אייך ניט זיין בארויבט.

מיר זיינען אינגלאך, מיט גרויסע שקאַצערייען,
איר זאטע הערן פון פוילקייט און פון רויב;
דער ווילדער קאמף פון ארבעטס פעסטע רייען,
פארבלאזן וועט פון ערד אייך, ווי דעם שטויב.

צו די היטער

דאס רויטע געוויין פון מיין בלוט
שפּאַרט אַרויף מיט צאָרן.
פון צענדליק פאַרלאָרענע יאָרן,
צווישן די ווילדע הוליאַנקעס פון פעטע מאַגנאַטן.

וואס היט איר, מושטירטע סאלדאטן
מיט הערצער, וואס קלאפן זיך בייז ?
מיין בלוט און מיין שווייס,
איך ווייס !
פאַר זאַטע הולטאַיעס.

שפּילט שטאַרקער אויף מעש מוזיקאַנטן,
דעם הימן פון קעניג און גלויבן —
פאַר די וואס זיי זיצן פון אויבן,
פאַר די וואס זיי רויבן,
און שמייסן און טרייבן די שקלאַפן; און רויבן,
און זויגן דאס בלוט ווי די טרויבן.

ניין, ניין, ס'איז אומעגלאַך פאַרטויבן
דאס רויטע געוויין פון דעם בלוט;
דאס געוויין פון שקלאַפּישע יאָרן,
וואס רייסט זיך מיט ברויזנדיקן צאָרן.

אין א וואגאן מיט האראפאשניקעס

איך פיל זיך מיט אייך היימיש,
מיט אייך טייל איך מיין גורל;
פארטאג מיט שלאף אויף ברעמען,
אין קאר — באם שוואכן ליכט.

מיר וואָגלען אויף די רעלסן,
מיט ציטער פון די רעדער,
מיט נאגעניש אין הארצן,
מיט קעלט פון וואך אין זיך.

די פראסטע ארימע קליידער,
מיט קאלך און ליים פארשמירטע,
מיט ווערטער אפגעהאקטע:
„גוט מארנינג"— און ניט מער.

עס קאכט אין אונז דער צארן,
פאר א הונגער-לוין צו שמאכטן;—
דאך היינגען אויף די מיילער,
די זיגלען אזוי שווער.

פּאַרלאַמאַדאַנאַ

(נאָך איטאַליעניש)

כ'האָב אַ גאַנצן טאָג געשטורעמט
איבער גאָר דער וועלט;
ס'האָט זיך אינערלאָך געפּורעמט,
נאָכדעם זיך צעהעלט.

ווי דער ווײַן ביז שפּונט צעריַיצטער,
שפּילט אין פאָס מיט פרייד.
אויף מיַין לעבנס וועג צעקרײַצטן,
שיקער איך ביז שפּעט.

ניכטער זײַן, פּאַרלאַמאַדאַנאַ,
טרינק ביז לעצטן טראָפּ:
בלויז איין לעבן איז פאַראַנען,
שפּרינגט עס אין גאַלאָפּ . . .

שרעקן ווײַטע סילועטן
און אַרום זיך העלט,
טרינק איך נאָך, פּאַרלאַמאַדאַנאַ,
שיקער אַן מײַן וועלט.

דער עלפטער נאוועמבער

(אר מ ס ט ע ר ס-)

דער לעצטער פויקן קלאַפּ,
דער לעצטער טראָמפּייטן רוף, דער לעצטער שאָס,
און לעצטער ווי געוואונט;
דאך בליצט נאך העל דער וואקכאנאליער טאנץ
און ניט פאַרהיילט בלייבט די מילכאָמע וואונד.

אין מיטן שטאט, באם רייכן מאנומענט פון די געפאלענע,
דאס זאַטע בירגערטום, צעהיינגט די רויטע קרענץ;
מ'האט, אומפארשעמט, די פליכט שוין אפגעטאן.

דער פריסטער פריידיקט שטיל,
גאטס ווילן, פאר קעניג און פאטערלאנד,
פאר גרויסער גלאָריע.

דאך שרייט ארויס דאס רויטע בלוט,
מיט ווערטער פלאמיקע: פ א ר ע ט ע ר !
די אלטע מאמע שטייט און בייסט די ליפּן איין,—
דער אלטער טאטע ביילט די פויסטן אזוי פעסט;—
געבויגן האלט דעם קאפּ די שוועסטער;
און אומפארשעמט שפּילט הויך די גלאָריע דער אָרקעסטער.

אין די דאזיקע נעכט

די נאכט טראגט א זילבערנעם האָרן אין קאפּ,
די פליגל נאך שווארצער פון ראבן,
זיך שפּרייטן עלעקטרישע שילדן ארום,
אויף טורעמס, אויף שויבן און ראָגן.

און מיסטישע שאטנס באלייטן די נאכט,
פאקעלן מיט שווארץ-בלאָע פלאמען;
די נאכט טראגט באהאלטן פון מענטשלאכן אויג,
די שווערד מיט דער ליבע צוזאמען.

עראָטישע טעמפּלען זיי שטייען געפּאקט
מיט זנוס נאך פון אוראלטע געטער;
עס ווארפן זיך דורשטיק — צום קאָס פון גענוס
די זארגלאזע, רייכע און פעטע.

די נאכט הערט די פרייד, אויך דעם בלוטיקן זיפץ,
פארצווייפלטע קלאָלעס פון קעלערס;
פארשקלאפטע פארטרינקען דאס לעצטע פון זיך,
פארברענען די יארן וואס שנעלער.

די נאכט טראגט א זילבערנעם האָרן אין קאפּ,
אויך טראגט זי אן אנזאג באהאלטן,
די שווערד מיט דער ליבע זיי גיסן זיך אויס,
אין פלאמיקע, ווילדע רעוואלטן

פאבריקן

זיך האבן צערעוועט פארטאָג די פאבריקן,
עס ציען זיך שווארצע שעריינגעס אָן צאָל,
מיט הערצער פון צארן און פינצטערע בליקן,
די שקלאפן צום שייטער פון בלוטיקן טאָל.

עס לויפן די רעדער, עס קלאגן די פאסן,
עס שלינגען די רערן דעם ארבעטערס פלייס;
און טיף אין די הערצער א בלוטיקער האסן,
א מעכטיקער שטורעם דעם גלייכגילט צערייסט.

ווי לאנג פאָכט און עגבערט מיט ווײי דער געוויסן,
פאר הונגער-לוין שמאכטן, פאר הערשנדיק גליק.
די אויוונס, די מיילער די רויטע צעשליסן,
עס קאכט און עס הודעט פארטאָג אין פאבריק.

עס לויפן די רעדער, עס שוועבן די פאסן,
דאס הולדן דאס לאנגע איז קראנק און צעפוילט;
עס עגבערט און האמערט א אינערלאך האסן,
עס רופט שוין צו אויפשטאנד, עס רופט צו רעוואָלט.

אין די פּאַדוואַלן

צווישן אייך, אין איינגעשאפּט פון פּאַדוואַלן,
וואו ליכט איז קנאַפּ; און פינצטערניש א יאַם,
אין טיפן כווישעך ווער איך ניט פאַרפאַלן
און טרינק מיט אייך פון לוגל אויס דעם סאַם.

ווען איך אליין באַוואָרפט מיך אַפּט מיט סינע,
און שפּרייט א שרעק אויף מיינע קאַרגע טעג,
איז דאָך מיר גוט בא אייך זיך צו געפינען,
און טרעטן פעסט מיט אייך אויף נייעם וועג.

איז אייער שטוב מיט שפּינוועבס אויסגעהאַנגען,
און ליכט איז קנאַפּ; און פינצטערניש א יאַם,
דאָך קלאַפּט מיין האַרץ מיט אייערע פאַרלאַנגען,
צו לאָזן זיך אין קאַמף מיט יעדן טראַן.

קריסטמעס בוים

באצירט מיט ליכט און ארנאמענט,
ז׳דער סימבאל בוים פון נאדל-גרין.
דאס מיידל האט געבוירן גאט,
אין שאטן פון זיין באלדאכין.

צוויי טויזנט יאר זינט קריסטעס פוס
באטראטן האט ביים-לעבעמס ערד,
ניט מיד געווארן איז די האנט,
ניט שטומפיק איז מילבאַמע שווערד.

די רייכע ארגיע האלט נאָך אָן,
אין פרומען מאנטל איינגעוויגט;
דער אָרימאן אין שיקזאל גלויבט,
דאס פרייע ווארט ווערט אונטערדריקט.

דאך איז א וואונדער פארט געשען:
פון פראסטע האראפאשנע הענט,
רעוואָלט האט זיך אויף ערד צעהעלט,
דער אלטער גלויבן ווערט פארברענט.

אין די טיפעניש ן

עס ווילט זיך אמאל אויפשטיין אזוי פרי,
א מעסטאָן מיט די אויגן ברייט דעם שעטאַך,
א וויג טאָן מיט דעם האמער אין דער הויך,
צעברעכן אלע אָפגעטער און געטער.

א הוליע טאָן א מוטיקער מיט קראפט,
אשפרייט טאָן ברייט די פאָן, די בלוטיק רויטע:—
אינאיינעם מיט פארפייניקטן האמוין,
צעפינקלען אלע גאסן די פארגרויטע.

מיט רומפל און מיט קלאנג, פון פויק און פלייט,
פארפאנצערן די ברוסט מיט שטאָל און אייזן:
באפרייען פון די טורמעס קינד און קייט,
די פענטעס פראָלעטארישע צערייסן.

עס ווילט זיך אמאל אויפשטיין אזוי פרי,
א מעכט טאָן מיט די אויגן ברייט דעם שעטאַך,
א וויג טאָן מיטן האמער אין דער הויך,
צעברעכן אלע אפגעטער און געטער.

מינוטן אזעלכע

דו האלסט מיך פעסט אין קלעם פון דיינע נעגל,
איך צאפל זיך פון דיינע ווייכע רייד;
דיין מויל שפרייט גיפט איבער מיין קראנקן קערפער,
דיין יעדעס וואָרט צום קיווער מיך באלייט.

דיין מיטלייד איז א וואָרם אין אן עפל,
וואס עגבערט טיף און קושט דאס לעבן אויס;
דו שפילסט זיך מיט מיין וואונדיקער נעשאָמע,
א טויטן, פון דעם טויט, רייסטו מיך אויס.

דאך שווער אזוי, איז שווער מיט דיר צערייסן
דעם בונד, וואס האט פאַרבונדן אזוי טריי;
צווישן דיינע שארפע בלאנקע נעגל,
וועל איך דאך, בעמיילע, ווערן פריי.

אויסברוך

איך גלויב ניט אז ס'וועט שטענדיק אזוי זיין,
אין ווייערע זאַטע שווייגנדיקע ווינקלען,
דער קאָס זאל שפּילן מיט זיין רויטן וויין,
פאַרפּירעריש און פרום צום הימל פינקלען.

עס קאן דאס האַרץ פון גופיק-זאַטע פרייד
זיך העכער פון די ברעקלאך ניט דערהויבן,
און האנט און האנט זאל זיין צונויפגעלייגט,
די אומרו-צייט וועט קיינמאל ניט דערלויבן.

א בראך טאן וועט א האנט די שויב מיט ברויז,
דער גלייבגילט וועט דערשרעקן זיך פון יאָרן;
און אונטערצינדן די ווינקלען פון דעם הויז,
וועט אויפגערעגט מיין פייערדיקער צאָרן.

JEWISH PUBLIC LIBRARY

פארטאגיקע

סאַקאָ און וואַנזעטיך

מיר פאַרטאָגיקע, מיט שלאָף באקלעפּטע אויגן,
מיט פרענדז פון צאר באהאנגענע,
ביז איבער שווארצע ראנדן.
מיט ניט געוואגטע גנייווע-טריט,
ווי וועלפיש-בלודנע צויגן,
אויף רוקנס איינגעבראָכענע, טיף פרעסנדיקע בראנדן.

מיר — וואס מער ווי קודלעס שווארץ,
פארמאָגן נאך צוויי פויסטן,
וואס טרעפן אין די ברוסטן, ווי'ן טשאוואונענע קאָוואדלעס,
דאך שעמעוודיקע אויגן, וואס מינען זיך באם ליבטשיין,
און קאנען אזוי ליידן, און קאנען אזוי שווייגן.

מיר — וואס כאפּן שטענדיק אויף
דעם ווינדיק ווילדן שטורם;
און קלאַפּן מיט מיליאָניקע צעדונערטע הייסע ברוסטן,
ווי קאנען מיר איצט רוען,
ווי קאנען מיר איצט שווייגן,
נאך רויטער נאַכט, דער בלוטיקער,
פון אווגוסט צוויי און צוואנציק ?

שווארצע שלייערן

כ'האב ניט ליב די לעוואָנע
אין איר פולקייט און גרויס,
ווען זילבערנע נעצן און שלייערן ווייס,
שפּינט זי אויס אויף די בערג און זי שווימט אזוי גל
אזוי ווי אויף ווייסע פּארקעטן פון אייז.

איך האב ליב די לעוואנע
אין צעוואָלקנטן קרעפּ,
ווען זי יאגט זיך מיט צאָרן און רעגט מיין געמיט.
אין שלייערן שווארצע, אזוי ווי מיט שרעק,
צעשטורמען זיך ווינטן,
אזוי אין דער מיט.

דאן שטייט אויף מיין צאָרן
מיט ווייטיק און פּלאם;
מיר האט די לעוואָנע א בשורה געבראכט:
עס קאָכן זיך פּלוצלונג די כוואליעס אין יאם;
מיט ברויגעז און מיט אימפּעט
וועקט וועלט אויף די נאכט.

פארצי דעם שלייף אין הארצן—זינגט דאס קומען,
און אפגעמעקטע ווערן אלע נעכט:
דאס שטאַרקסטע ווארט עס פורעמט זיך אין גומען,
וואס וועלט און מענטש האט קיינמאל ניט געהערט.

אויף דער שוועל

פארצי דעם שלייף פון שטריק
ארום מיין האלז נאך איינגער,
ווי מעסער גלאנץ דיין קוק, איבער כווישעבדיקע טעג,
דיין אורטייל-ווארט צו וואס פארציען לייגנער,
אין טויטן וועלק מיין אומגעמערקטער וועג.

געפעלשטע טריט מיין אומזינס ווייטער מעסטן,
צווישן הויך פון קאלט גראניטע ווענט,
צעטראטן ליגט דער גורל פון דעם בעסטן,
דאס שענסטע הארץ אין אייערע מערדער הענט.

דאס לאנגע ווארטן אויף וואונדער, אויף די פרומע,
מיין מידבאָר-דורשט שרומפּט הויט אויף געלןביין;
און צוגעפרעסט מיט שטומקייט צונג צום גומען
און אויסגעשקאליעט הונגערדיקע ציין.

און עפשער איז דאס בלויז א וואונדער כאָלעם,
וואס טוט א בליץ און לאזט זיך ניט אין שפּאן;
ווי קאן מיין הארץ מיט אייך איצט שליסן שאָלעם;
אָט הער איך שוין דעם רויש פון אוראגאן.

ראפּסאָדי

לאָז אָפּ, ניט שפּיל די ראַפּסאָדי איצט, ניין,
עס שטייען גרייט פאַר מיר די שווארצע קאָרידאָרן.
מע פירט זיי שוין, אַט גיי איך מיט זיי מיט,
אויף יעדנס קאָפּ — אַ בלוטיק רויטער דאָרן.

אָן אַ פאַרוואָס האָב איך זיך צוגערוקט,
געטאַפּט די הענט, געגלעט די הויט די געלע;
איך האָב פאַר זיי, ווי פאַר הייליקע, געבוקט,
געטרונקען ליכט פון זייערע אויגן העלע.

כ'האָב זיי געפרעגט: וואָס ווילט איר, זאָגט, איך האָרך!
געצאַפּלט זיך בּאַ זייערע מילדע בליקן;
איך האָב געהערט דעם לעצטן שווערן שאָרך,
פאַר זייער לעצטן, שרעקלאַכן דערשטיקן.

צעבראָכן האָבן לעבנס זיך דאָ צוויי,
פאַרשלאָסן האָבן ליפּן זיך ווי פרומע.
לאָז אָפּ, ניט שפּיל די ראַפּסאָדי מיר, ניין
די שטימע רופט נאָך בלוטיקער נעקאָמע.

מארטירערטום

איך האב אין דער נאכט געהערט,
ווען כוואליעס לופט האבן אויפגעכאפט
דעם לעצטן קרעכץ פון טויטן הויז.
צוויי וואונדערשיינע לעבנס,
האט היינקער פולער, אויף עלעקטרי-טשער געזעצט
און איז דעם גרעסטן מארד באגאנגען,—
איז געפאלן שווארץ דער פארהאנג שטיל אָן רויש;
האט גראטולירט די בעסטיע הויך דעם היינקער.
נאך שא !
וואס טוט זיך אונטער טויטן הויז ?
א וואונדער איז געשען:
די צוויי מארטירער סאקאָ און וואנזעטי,
זיי האבן נאך דעם טויט,
באלד אויפגעלעבט צוריק:—
מיליאנען ארבעטער, מיט יובל און געזאנג,
מיט פענער רויטע,
איבער די גאסן. דער שוסטער מיטן פישער גייען פאראויס
אין רעוואלט צינדט אן די הערצער פון די מאַסן !

דעמאקראטיע

די נאכט האַלט וואך ארום דעם קאזעמאט.
אויף שלעסער פעסט פארשלאסן יעדער טויער,
און טויט און געל איז שוין פון בוך דאס בלאט
און יעדער אָס דערציילט פון פיין און טרויער.

באם ליכטל זיצט און היט דאס גרויע וואָרט,
די קאָנסטיטוציע געזאלבט ווערט ווי א קעניג;
מע לאזט ניט צו קיין שפור פון ליכט צום וואָרט,
די שווארצע קויבעס האבן זיך פאראייניקט.

און רייסט זיך דורך א בלוטיקער געשריי,
פון טיפער אנגסט פון יאך-מאן צי פון דיינקער,
ווי שאטנס היטן יעדע מענטשן ריי,
באם שייטער-הויפן גרייט דער געלער היינקער.

צעוויקלט היינגט די שטערנדיקע פאן
דעמאקראטיע אויף איר האט ווער געצייכנט,
דאך בלאָזט אראפ מיט שרעק פון אויבן אָן,
אויף מענטש און הארץ, אזוי ווי א פארברעכן.

סאקא און וואנזעטי

פארפוילטע וועלט !
מיט טויזנט האסן פון די האלב דערווארגענע,
צו די וואס האבן דיך פארפעסטעט.

דער עקיפאזש צעטראגט די ליבערטי איבער די שיינע
עווענױס:
דער סקארפיאן מיט טויזנט קעפ,
דער פריסטער אין כניפע מיצל,
העך פולער מיט די סטרייפס און שטערן;
א קלאָלע פאָכט פון אלע הארפאשנע צו דיין טראן ...
מיט שטורמס אין די הערצער,
מיט פויסטן פעסט געביילטע,
פאר אייערע לעבנס, סאקאָ און וואנזעטי.
פון מאינער שטיבל ביז טענעמענט הויז,
פון העכסטן מויער-וואנט ביז איבער אטלאנטישן יאם
צעטראגן זיך די קלאנגען:
צוויי אומשולדיקע לעבנס, צוויי אומשולדיקע לעבנס;
נאך דער עלעקטריטשער, נאך גרעסער פון די שטאטן,
ער שטייט און ווארט;
וועט דאס געשען ?
מיליאנען הערצער קלאפן, מיליאנען הערצער ווארטן;
אויב יא:
נעקאמע לויערט מיט אויסברוך און רעוואלט.

ביבליאטעק און לעז צימער פון אידיש
נאציאנאלען ארבייטער פערבאנד
LIBRARY AND ...
Jewish N... OF THE

און מיר מענטשן אויף דער פריי,
דריקט דער יאָך, אַזוי ווי בליי;
פריי צו זיין די לוסט איז גרויס,
לאָזט די שטייג אונז ניט אַרויס . . .

אין זאאלאגישן גארטן

כאיעס, פייגל, עלעפאנד,
טאנצן אפן עלעגאנט;
פון באגינען ביז באנאכט,
אלע שטייגן פעסט פארשפארט.

ליגט אין ווינקל, אטעמט שווער,
אויף א שטיין א שווארצער בער.
שפילט די זון אויף אים מיט גאלד,
בייבקט זיך שטארק אזוי אין וואלד.

גייט דער וואלף אהין, צוריק;
פייער אין זיין טיפן בליק, —
און דער דרויסן — אזוי הייס;
בייבקט זיך שטארק נאך מענטשן פלייש.

און דער אדלער אלט צוויי יאר,
פרואווט זיין שווארצע פליגל-פּאָר,
זיך א לאז טאן הימל ווייט;
הייבגט די קייט אבער באם זייט.

ליידיקגייער

פאר וועמען זאָל איך בויערן,
פאר וועמען שניצן?
אז וואס צו עסן האב איך, בעמיילע, ניט,
נו, זיץ איך טאג ווי נאכט אין שיינק און טרינק
דעם שלעבטן ביר, און טראכט ניט וועגן טאבלעס.

נאך מיר פארדריסט ביז ביין,
אט דרייען זיך ארום די רייכע ליידיקגייער,
מיט שמעקנדיקע האוואנישע סיגארן,
מיט פוטערס רייך געניית,
מיט רינגען אויף די פינגער,
וואס פלאקערן פון ווייטנס:
פעטע זיינען זיי,
זאטע זיינען זיי,
און זארגלאז לאכן זיי.

פאר וועמען זאל איך בויערן, פאר וועמען שניצן,
אז עסן האב איך דאָך, בעמיילע, ניט;
זיץ איך און טרינק, אין שיינק.

מיין גאס.

די שטאלצע ביימער,
באדעקט מיט ווילדע ניס און גרינע ברייטע בלעטער,
זיי קוקן אריבער אלע גרויע הייזער
און קאנען יעדן שאָכן,
וואס קומט ארויס און גייט אריין,
ווי אלטע שוימרים גוטמוטיקע,
וואס קימערן זיך ניט וואס קינדער הוליען אדער וויינען
קינדער בלייבן קינדער,
אזוי שאקלען צו די ביימער מיט די קעפּ.

צוויי מאל א טאג בלויז,
צערייסט מיין הארץ א שארפער אויסגעשריי,
די ביימער טוען זיך א צאפל
באם אויפגאנג פון דער זון, און פייפן פון דער פאבריק,
ווען טויזנטער מיט ציטערדיקע הערצער,
געזעגענען זיך מיט זייערע טירן,
אין א ווילדער רעווערײ,
באם רויטן אונטערגאנג פון זון.
ווען מיט טיפן נייגער,
די ביימער בויגן אויס די קעפּ און פרעגן:
צי זיינען אלע צוריק, פון שלאכטפעלד-טאג,
געקומען גאנץ א היים.

צעבלאָזענע פּונקען

צעבלאָזענע פּונקען אויף נאַכטישע שטרעקעס,
ווי האָבן געפינקלט אין כווישעך באַהאַלטן,
און האָבן געזוכט יענע אָפענע הערצער,
וואָס בייַנקען און שמאַכטן נאָך בעסערן לעבן.

פאַרביי זייַנען ווינטן די גרינגע געפלויגן,
און האָבן נאָך שטאַרקער די פּונקען צעבלאָזן;
עס האָבן די פּונקען זיך העכער דערהויבן,
ווי ליכטיקע שטערן, ווי העלישער פלאַקער.

און ווער ס'האָט געזוכט האָט אַ זינען געפונען,
און ווער ס'האָט געבייַנקט האָט אַ טרייסט-וואָרט געפונען,
און ווער ס'האָט געקעמפט האָט דערהויבונג געפונען.

זיך האָבן צעפינקלט די פּונקען אין כווישעך,
אויף ווייטע, אומענדלאָזע, נאַכטישע שטרעקעס.

דאס ליד פון קאלעקטיוו

שטאנגען זיינען אונזערע הענט,
הערצער פול מיט פייער;
גראמער בויען מיר די ווענט,
זאל די וועלט זיין פרייער.

טרינקען מיר די דורשטן אן,
פון די רויטע פעסער;
ברעכן מיר פון אלטערטום,
אלע שווערע שלעסער.

קאלעקטיוו איז פעסט דער גאנג,
ווערט דאס לעבן גראמער;
קלינגט פון וויטן דאס געזאנג
פון דעם סערפ און האמער.

פעסטע שטאנגען — אונזערע הענט,
ארבעט ברענט ווי פייער;
גראמער בויען מיר די ווענט,
זאל די וועלט זיין פרייער.

הייסע טעג

הייסע טעג, ניטא וואו זיך באהאלטן,
דעם קורצסטן וועג צו גיין — איז אזוי שווער.
ברענען ווענט אספאלט און שטיין אויף גאסן,
שפייט די זון מיט פייער אויף דער ערד.

פייפן ווילד די שווערע טראָג-מאשינען,
דאָס שטאָל און ציגל פון ווענט געשטעלטע קרעכצט;
פארברענטע הענט און נאקנס פון די בויער,
די צונג איז טרוקן, דער גומען דורשטיק לעכצט.

עס בלאזן ווינטן, ווי מיט סאהארע זאמדן,
דער שווארצער הונט, די צונג ארויסגעשטעקט;
אויף מאמעס קני, דאס קינד ליגט ווי פארכאלעשט,
די ווייסע זון די שאטנס האט פארמעקט.

הייסע טעג, ניטא וואו זיך באהאלטן,
דאָך וואקסט דער ביניען העבער פון די וואלקנס.

אן צוריקקער

איך האב נאך א נאכט פארמעקט,
נאך לאנגן טאג באטויבונג;
מיט רויטן אויסגעשטרעקט,
מיין צאר וויינט אויף די שויבן.

און בעט מיט קני אראפ,
און האנט אין האנט פארבונדן;
ווער האט עס מיר מיין קאָפּ,
ווי א פאקל אָנגעצונדן ?

ארום האט זיך צעשיינט,
געווארן איז מיר פרייער;
דער אומעטיקער היינט,
אוועק איז מיטן פייער.

טויט

טויט אויף אַלע טירן,—
שוואַרצע אַלע בלומען,
וואו דו וועסט ניט בלאַנדזשען,
וואו דו וועסט ניט קומען.

בויגסטו קאָפּ אַרונטער,
לאַכט דיין טויט צעקאָפּן;
ער וועט דיך צעקוועטשן,
וואו ער וועט דיך כאַפּן.

גלייך נאָר אויס דעם רוקן,
רייס אוועק דעם איאוש;
וועט דיין טויט זיין נישטיק
און דיין פאַל העראָאיש.

אויף וועגן

מיר האבן ניט לאנג זיך באגעגנט,
ארום איז די בלויקייט נאך קיל,
און האבן מיר שוין זיך געזעגנט,
פארשוואונדן זידער אָטאָמאָביל.

איצט מעסטן מירביידע די ווייטן,
עס טוט עפּעס מוירעדיק באנג;
מיר מישן, ווי בלעטער, די צייטן,
און צערטלען א דינעם געדאנק.

די ווייטקייט מיט טונקעלע שויבן,
דער דראנג צו דעם מענטשלאכן כוויוו;
דער ציל פאר דער זאך מיט א גלויבן,
ער בינדט אונז נאך שטארקער צונויף.

צווישן הימל און ערד

כ'בין שוין ווייט געווען פארגאנגען,
האב צעלאזט אויף אלע וועגן,
אלץ וואָס איז ווען אויפגעגאנגען
פון מיין אינערלאך פארמעגן.

כ'האב געמאסטן האָריזאָנטן,
האָב געשניטן מארמאָר-ווייטן;
האָב אין לענדער אומבאקאנטע,
זיך געבוקט פאר קלייניקייטן.

כ'בין שוין ווייט געווען פארגאנגען
פון מיין ווינקל, פון מיין קאלטן;
האָסטו מיך צוריק געפאנגען,
מיט דיין בייזקשאפט נאך דעם אלטן.

אין טראמוויי

לויף, לויף טראמוויי, דעריאג מיין פרייד,
איך בין פון איר נאך אזוי ווייט;
אנטקעגן האט זיך אויסגעשפּרייט,
א נייע, וואונדערשיינע צייט.

פארסאמט איז אלץ אין מיין געביין,
מיט קראָען-זיפּץ, און שווארצן פּאָך;
מיין לעבן איז א קאלטער שטיין,
ווי יעדער טאג, קלאגט אויס מיין בראך.

לויף, לויף טראמוויי, פאראויס, פאראויס,
דעריאג מיין ניט דעריאגטע פרייד;
אָן איר — אין ווינקל גייט באלד אויס,
א שיינער כאָלעם שטילערהייט.

אויף ראגן — בייגל פארקויפער,
און איבער קעפּ דער ראדיא-אפּערא קאָנצערט,
בא פייערלאך די טופּענדיקע פיס,
פון נאכטפעלדער;
א ביסל ווארעם ארויסצופרעסן
פון שארפן פראסט.

אין טיף און דר׳ערד,
די האראפּאשנע הענט,
מיט פייערדיקע גלאווינעס דעם שטיין צערייסן;
צו קליין די סאבוויים,
צו איינג די עלעווייטערס,
און איינגער נאך די גאסן.

די שא-אויסשטעלונגען פארבלענדן,
דער רייאך פון רעסטאראנען פארכאפּט דעם אטעם.
דער רייכער פוז, דאס זארגלאזע געלעכטער,
צעקלינגט איבער די עוועניוס,
דאך קוקט ארויס, ווי א שעד,
און לאכט,
אין מיטן נאכט,
דער גרויסער ברוטאלער
דאלעס

נויארק

ריזיק גרויס,
ניטא קיין ווארט;
דאס ווארט איז שוואך,
די שוואָכים שטארבן אויף די ליפּן.

די מילבן האבן שטיין אויף שטיין געלייגט,
און שטאל צו שטאל געבונדן,
איצט שרעקן זיי זיך אליין פאר דעם גיגאנט נויארק.

אויף דער בראדוויי,
מיט וואונדערלאכן פארביקן עלעקטראָשפּיל,
בין איך צווישן אלע שאטנס
פארגאפט געגאנגען.
טעאטער וועלטן האבן זיך געשאטן מיט אפענע טויערן,
טראמווייען, אויטאָ-באסעס,
און אויסגעשריי פון צייטונגס-פארקויפער,
פארמישט אין ווייסן שניי,
און צווישן זיי,
אומהיימלאך א געשריי
פון היימלאזע, פארביטערטע, דערשטיקטע

פרילינגס סאנעט

לעוואַנע ליגט שוין נידעריק בא דר׳ערד.
עס גלאַצט אראפּ דער שניי פון דאך און נאכט,
דער קלויסטער קוקט פארדעכטיקט און פארטראכט,
דער ווינט צעברעכט זיין לעצטע שארפע שווערד.

איז דאך ניט ווייט פון צוואנציקסטן אפריל,
אויף ביימער ציטערט נייער פרילינגס בליט.
אין יעדן יונגן אייוועך רוישט און גליט,
צעזינגען וועט זיך דאך און שויב און דיל.

ווארום זשע שווייגסטו, זאג, פארלעצטן פאך,
ווען טייכן ברעכן אויף דאס לעצטע אייז;
און וועלט אנטפּלעקט אנטקעגן זון זיך ווייס,
עס יובלען פרייגעווארענע פון יאָך.

צו צווייפלסטו אז פרילינג איז באם שוועל?
הער די סאנעט פון פרילינגס ניי געבורט,
וואס גיסט זיך אויס פון שאפערס ברייטער זעל,
און דיינע לענדן גורט און פעסטער גורט.

ווער קאָן עס דיך, נויאָרק,
דאָס וואונדערלאַכע,
פון אַזוי פיל שפּראַך און פאַרב,
פון אַזוי פיל גוטס און בייז באַזינגען,
אויב ניט דו אַליין,
דו ריזיקע
נויאָרק.

פאר אונזער צוקונפט

אויף דעם וועג דעם ריינעם,
אויף דעם וועג דעם נייעם,
נעמט ניט מיט דעם אָפּוּאַז,
נעמט ניט מיט די קלייען . . .

נעמט בלויז מיט דאס זעמל,
נעמט בלויז וואס זיך לייטערט;
און מיט קלארער העלקייט,
וועט איר ציען ווייטער.

אויף דעם וועג דעם ריינעם,
צו דעם לאנד דעם פרייען;
נעמט ניט מיט די בלאטעס,
נעמט ניט מיט די קלייען.

וועג גראָזן

פון ק. ד. באַלמאַנט

שאַרף באַם וועג, פאַרטריקנטע, מיט שטויב פאַרדעקטע גראָז,
שלאָפט זשע אויסגעמאַטערטע, געלעבט אָן אַ פּאַרוואָס;
בײַ וועגן רוישיק זאַמדיקע, געהאַפט צו צוואַנג, צו מאַכט,
און קיינמאָל נאָך דעם הייכל פון באַשעפער ניט באַטראַכט.
מיט רעדער שווער צעטראַטענע, צו פרײַדן ניט געשטרעבט,
אַפילו מיט דערוואַכונגען, דעם פרילינג ניט דערלעבט.
אַט ליגט איר דאָ פאַרטרוקנטע, צעשאַטענע אויף ערד,
מיט אַלע גלײַך צעוואַנטעוון וואָלט ווער דען אײַך געשטערט?
מיט פרײַע הימלען בלוילאַכע ביז רויטן האָריזאָנט,
וואָלט איר, ווי אַלע גליקלאַכע, זיך פרייען אויך געקאָנט;
שלאָף-זשע גראָז פאַרטריקנטע, מיט שטויב פאַרקילטער ערד,
דאָס וואונדערלאַכע הימלשע, אײַך זען איז ניט באַשערט.

צו א קאנאדער קריסט

דיין העפלאכקייט, קאנאדער קריסט, צו פרויען,
צוויי פינגער צו דער העט.
ניט ווילנדיק געמוזט האב איך פארטרויען
מיין פריינטשאפט צו דיין ווארט וואס גלעט.

דאך האסטו מיך געמאסטן מיט אויגן פרעמד פארוואונדערט.
א בייסנדיקעס שליינגל אויף דיין ליפ,
מיין נאז האט שארף גערופן באהאלטן אין דיין הארצן
דעם אויסגעשפרייטן ווארם,
דעם זאקס-אנטיסעמיט.

געפרעגט האסטו מיך פריינטלאך,
פון וואנען, אוועלכע ווינטן דאס לאנד, אויך מיין נאציע
אויך דעם טאג און שאָ?
מיין ענטפער איז א קורצער, מיט העפלאכקייט פארדינטע,
און דו האסט לאנג געשעפטשעט: א דזשו, געוויס א דזשו...

אומריינע הענט

נעמט צו די הענט, וואס זיינען פול מיט טומע,
דער נייער טראט מוז בלייבן אומבאפלעקט;
מיט שווארץ-באפלעקטע ארימע נעשאמעס,
וועט איר נאר פארבלאטיקן דעם וועג.

ניט מאכט קיין שיינק פון פרייהייטס בלויען הייכל,
די צייט איז קורץ, עס האלט שוין באם שאריען;
מיט אויסגעלומטע, בלינדע, שווערע קנייכל,
צעטרעט ניט דאס וואס האלט ערשט נאך אין בליען.

נעמט צו די הענט, וואס גיפטיקעס בלויז צייכנען;
איר זייט א שטער צום נייעם, פרייען וועג;
און האלט איר אפ דעם גאנג, איז א פארברעכן,
דער נייער טראט מוז בלייבן אומבאפלעקט.

טרייסט

די נאכט בוינט אויס איר שווארצן קאפ, ווי פעך,
לעוואָנע שניידט מיט ווייסן סערפ אין עטער;
די צייט איז פול מיט בלוטיקן געפעכט,
לייג ניט אפ דעם קאמף אויף ווייטן שפעטער.

די אומגעדולד ברענט אויפן שייטער שטארק,
די שרעק צעשפרייטן ווינטן איבער זומפן,
עס דריקט אויף ברוסט דער סִינע, ווי א בארג,
אין זיינע פויסטן האלט ער אונז געשרומפן.

דער צארן ברענט אויף מיזראך. דאָרעם, העל,
אויך מארעוו וועט דעם צאָפן ניט פארשעמען;
עס קלאפט דער טאג אויף שוועלן אזוי העל,
דער פרייהייטס מארגן אין קאמף וועט זיך צעברענען.

די נאכט אומרואיק שלאפט אין שווארצן פעך,
לעוואָנע שניידט זיך טיפער נאך אין עטער;
צעפלאמען וועט דער בלוטיקער געפעכט,
לייג ניט אפ, ניט ווייט איז שוין דער שפעטער.

קאנאדע

קאנאדע, לאנד דאס יונגע,
אויף קעסט פון בלויע שטאטן;
מיט ארבעטסלאזע מאסן,
מיט לארדן, ווי בא לייטן.

מיט זעלנער און מיט פאנען,
פאליטיקער אויף שרויפן.
לאיאלע צו דעם קעניג,
פאר רענדלאך אלץ פארקויפן.

מיט פארלאמענט און פירשטן,
מיט פויקן און טראמפייטן;
מיט שלעסער אויף די מיילער,
מיט בירגערטום אין קייטן.

אקטאבער

מיר נייען

די נויארקער קלאוקמאכער

מיר נייען, מיר נייען, בייטאג און באנאכט,
מיר רייסן אפט איבער אין מיטן,
מע טרייבט און מע יאגט מיט אן אייזערנער מאכט,
פאר וועמען די גרויסע פראפיטן.

מיר נייען, מיר נייען, מיט קלאָלע אויף צונג;
פאבריקן די גרויע ווי טפיסעס,
געשמידט צו מאשינען פון אלטע און יונג,
מיט לעבנס אויף שטיקער צעריסן.

מיר נייען פארהונגערט א וואך נאך א וואך,
און יאגן זיך ווילד אָן א זינען;
און קאנען מיר מער שוין ניט טראגן דעם יאך,
דאן שטעלן מיר אפ די מאשינען.

מיר נייען, מיר נייען, בייטאג און באנאכט,
פאר וועמען די גרויסע פראפיטן ?
עס טרייבט און עס יאגט אונז אן אייזערנע מאכט,
דאך רייסן מיר אפ אין דערמיטן.

אקטאבער

אינהאלט:

לענין	71
דער וואונדער	72
אקטאבער	73
צו די באפרייער	77
היינט	79
מאסקווע	80
איר דארטן	81
דער בישאף בראון	84
דער מאַרש	85
איך בין גרייט	87
אידישע שיקסעס	88
סיוועט ווערן	89
נאך דעם שניט	91
מיר פראלעטאריער	93
וויזיעס	94
ביילקע	95
די ארימע גאס	97
אונטערן רויטן שאטן	99

לענין

צוריק די אלטע בילדער פון מיינע גרויע צייטן:
פאריז איז איינגעטונקען אין שיינקייט, אויך אין נויט.
לאטיינישע קווארטאלן, מיט רוסלאנדס עמיגראנטן,
מיט קרינקלאך טיפע צווייפלען, מיט עלנטקייט פארגרויט

דאך רייסט די לופט אן אדלער, מיט האפנונג-העל צעשפריצטע
דער יונגער לענין, מוטיק ער רופט צו טאט און וועקט;
די זאל איז א געפאקטע — סטודענטן און קורסיסטקעס,
און אלע ווערן פלוצלונג מיט קאמפס לוסט אנגעשטעקט.

פון ווערטער ווערן מאסן, פון מאסן באריקאדן;
דער סוינע, דער צאריזם, א גרוי-געפעלזטע וואנט:
„פון ארבעטער און פויערים, סאלדאטן און פון פירער,
געשמידט, ווי שטאל און אייזן, מוז ווערן איין פארבאנד.“

שוין ווייט פון יענע צייטן, דאך קלינגען לענינס ווערטער;
זיין כאלעם א דערגרייכונג, כאטש ער איז מער ניטא...
לאנג לעבן וועט זיין לערע, די לערע פון לעניניזם,
עס ברויזט די וועלט מיט אומרו צו דער באפרייאונגס שאָ.

אקטאבער

צען יאָר,
צוויי קורצע ווערטער.
דאָס שאַרפֿע מעסער הייננט נאָך איבער זיי,
און די ראַטן זון,—
דאָס פּאַנים בראַט, ווי מיט נאַכטיקע פֿאַקלט פֿייער,
האָט זיך צעגאָסן,
אויף מאָסקווער
זילבערדיקן שניי.

עס ריידן נאָך סימאָנים
פֿון דורכגעשאָסענע ציגל־ווענט,
פֿון מויערן מיט פֿלעדערמייז צעשאָטנט,
פֿון צאַרישן רעזשים,
ווען רעוואָלוציע, מיט פֿייערדיקע פֿליגל,
געפֿירט האָט אין די שלאַכטן,
די סאָוועטסקע רויטע זין.

עס קלינגען נאָך אין די אויערן
„בלאַקס צוועלף,“ מיט טריט די פֿעסטע,

דער וואונדער

וועלט-פארכאפנדיקער אימפעט,
איבער גרעניצן, יאמים ווילד-צעגאסן.
רוסלאנד, די סאוועטישע, דערוואכטע,
דיינע שימערירנדיקע אוצרעס
האסטו אויפגעשלאסן.

האט דער פלאם דער ווילדער
זיך צעטראגן איבער אזיע, אפריקע,
מיט נייעם שאפן.
אויך מיין הארץ, דיין ברענענדיקער אומרו,
האָט געטראָפן.

אַרבעט-ליבנדיקע, האַראָפּאַשנע אָרעמס,
מיט האַק און פעדער, און מיט וואָרט געדערטן,
בויען ארומגערינגלט פון בלוט-דורשטיקע סאָנים,
דעם גרעסטן וואונדער פון אלע וואונדער:
די סאָוועטן.

אקטאבער טעג

די ווילן שטאַרקער פון גראַניטן ווענט,
פול שטאַרקער נאָך פון מאַרמאָר.
אויף וועלטיש־בלאַט, מיט בלוט
עס וועלן דיך די דוירעס,
אויף הערצער טיף פאַרקריצן,
ווייל דו האָסט וועלט געגעבן
דיין ברוּיזנדיקע מוט.

דער סימבאָל: סערפּ און האַמער,
אין הענט פון האָראָפּאַשניק;
אין אייגן בלוט געטרונקען די פרייהייטס רויטע פאָן.
און דער פאַרבאַנד פון ראַטן,
פון פאַרביקע נאַציעס,
די אַרבעטער דערהויבן
אויף רוסלאַנדס העכסטן טראָן.

פאַרציטערט אין די ווינקלען,
די ווייס־אַרמייער שמייכלען;

די יונגע רויטע ארמיע, צום קרעמל מיט פאראד,
און לעגינס וואונדערשאַטן,
מיט פלאמענדיקע ווערטער,
אויף הויכע באריקאדן:
„היט זיך פון פארראט.“

צו די באפרייער

די זון וואשט דאס ליכטיקע פּנים אין וואסער,
די כוואליעס זיך מינען אין פייער;
עס האבן פארטאג אויף די שטאלענע גראטעס,
געקלאפּט פעסט די הענט פון באפרייער.

עס זיינען אויף אייזערנע קייטן געהאנגען
די לעבנס פארשקלאפטע צו גען;
און פייערלאך זון איבער בערג איז געשוואומען,
צעשאטן די שטראליקע נעצן.

עס האבן די טפיסעס, ווי שפיזן געשטאכן;
רעוואלט האט געברויזט אין די צעלן;—
עס האבן זיך שלעסער אויף ריגלען צעריסן,
און האס האט געפלאקערט אויף שוועלן.

עס זיינען פאלאצן, ווי נעפלען צעשוואומען,
און טראנען, ווי שטויבן פארבלאזן;
עס שטייען די קירכעס, סאלאנען די רייכסטע,
פארוויסט און פארשעמט און פארלאזן.

דעניקין און פּעטלוראַ דערוואַרגענע פון רויב.
צען יאָר פון די סאָוועטן,
מיט גיגאַנטישער דערגרייכונג,
פאַרטראָגן אַלע סאָנים
ווען דער שטורמדיקער שטויב.

היינט

היינט צעקלינגט איר אַלע האמערס,
איבער שטאָל און איבער אייזן;
און געשמידט זאל זיין דער ווילן,
יעדער קלאפ זאל וואונדער ווייזן.

עס דערטראָגן זיך די עבאָס,
פון מיליאניקע וואס שטרייטן,
אויסגעצויגן היינגען שטאנגען,
אויף א וואסער אויף אברייטן.

היינט וועט זיין דער בריק פארענדיקט,
קלאפן טריט אין פענטעס אייזן;
קיין צוריקקער, בראוועך, מוטיק,
יעדער קלאפ וועט וואונדער ווייזן.

היינט מיט קלינגענדיקע לידער,
ס'וואקסט דער ווילן שטאל און אייזן;
ווי א שטורם זאל א טראג טאן,
יעדער קלאפ וועט וואונדער ווייזן.

און זון אזוי ליכטיק, אָן פלעקן, מיט עמעס,
מיט ליבשאפט און הייליקן פייער;
האט שטארקער די ערד נאך געגליט און דערמונטערט,
און הייסער געקושט די באפרייער.

איר דארטן

(צום צענטן יאר פון דער גרינדונג פון ס.ס.ס.ר.)

און גוט איז אייך דארטן, שוין אריבערגעקומען,
געליטן, געהאפט ניט אומזיסט און געפונען;
די גלאקן זיי קלינגען באפרייאונגס ניגונים,
אויף פלאשטשאד דעם רויטן מיליאניקע שטימען.
שטאלץ גייט דאס ארבעטער פאלק -
צום יאנטעוו פון גליק און דערפאלג;
אויף שטיגן פון נייער דערגרייכונג,
מיט פלויטן פון פרישער דערוואכונג.
און יונגע און אלטע, באטש ארימע קליידער,
דאך רייך די נעשאָמעס און גרינג ווי א פעדער,
א צוקונפט א ברייטע, פון דניעפר נאך ברייטער,
מיט פענימער ליכטיקע, הערצער דערפרייטע;
און ברידער פארברידערט פון אלע נאציאנען,
מיט שטורם דער גאנג אונטער פלאטער פון פאנען,
די פאנען פון רויטן, ווי בלוט,
מיט לויכטנדיקע אויגן פון מוט.

מאסקווע

די רויטע מאסקווע, פעסט, מיט שטאליקן פארנעס,
געפאנצערט ביז די פיס, מיט נייע פרייע לערן.
אָקטאָבער-טעג פארקריצט זיך האבן מיט א בערן.
אויף ברייטער, גרויער וועלט געלאזט האבן זיך הערן.

פון קרעמעל ביז פאריז, פון לאנדאן ביז נויארק,
דאס רויטע מאסקווע ווארט צעקלינגט, ווי שארפע גלעקער,
דאָס האָראָפּאַשנע פאָלק וואָס טראָגט די לאַסט און זארג,
האט אויפגעוואכט צום רוף פון נייעם רויטן וועקער.

און ער, דער אימפעריאליסט, וואס פילט זיין אונטערגאנג,
ער ראנגלט זיך און וויל זיין שטאלצן קאפ ניט בויגן;
ער שמייכלט ווי א פוקס, און שיפעט ווי א שלאנג,
און שפריצט מיט גרינער גאל, דעם עמעס אין די אויגן.

אויף מאסקווע שארפט די שווערד די בייזע שווארצע וועלט;
די דרייסטקייט פון סאוועטן, פארכאפן ווייטע ווינקלען.
ס׳האט אזיע אויפגעוואכט, און אינדיע זיך צעהעלט;
דאס רויטע מאסקווער ווארט נעמט שטארקער,
שטארקער פינקלען.

ברייטע די האפנונגען. גרינגע ווי פעדער,
און ברידער פארברידערט צום קריג,
ביז ענדלאכן, גליקלאכן זיג.

און גוט איז אייך דארטן, שוין איבערגעקומענ,
נעהאפט און געליטן ניט אומזיסט און געפונען,
אלע באפרייטע אין מארש.

LIBRARY AND READING ROOM OF THE
Jewish National Workers' Alliance

און מיר,
יא, מיר האבן דעם יאם דורכגעשניטן,
מיר הערן פון ווייטן דעם יאנטעוו צעבליטן,
מיט מיילער פארשלאָסן נאך פעסט,
אויף פליינצעס פארצווייפלונג און פרעסט.
אין קייטן נאך שווערע, די שטאטן די פרייע,
זיי ווילן ניט הערן די עמעסן נייע:

א שרעק-שאטן דער באלשעוויק,
פאר יעדן פון אונז גרייט א שטריק.

דאך רופן און מאניען די הילכיקע גלאקן,
מיר פרייען אט דא זיך מיט אייך אומדערשראקן.
כאטש גרויס איז דער סוינע — מיר קליין,
איז פול מיט א גלויבן דער פיין.

מיט אייך אויף די וועגן די איינענע טרעטן,
און בילדן אזוי ווי בא אייך די סאוועטן:
„צום ארבעטער פאָלק נאר די מאכט“
און קאמף פון פארביטערטן שלאכט,
מיט יונגע און אלטע, כאטש ארימע קליידער,

LIBRARY AND READING ROOM OF THE
Jewish National Workers' Alliance

דער מאַרש

מיר ברעכן און בויען,
מיר בויען און ברעכן,
דער היינט איז אונז טייער,
ווייל טויט איז דער נעכטן.

עס סווישטשען מאַשינען,
עס הויבן זיך פּרעגטעס;
מיר בויען אויף צוויטערס
און שולן פאַרברענטע.

עס איז ניט קיין צופאַל,
עס שטייען אויף גאַרבן;
און דאָס וואָס פאַרדאַרבן,
מוז פוילן און שטאַרבן.

דער ביניען — אַ וואונדער,
פאַר קליין און פאַר גרעסטן,
מיט פרייהייט און ליבשאַפט
די ערד אויסצומעסטן.

בישאָפֿ בראַון

„צען יאָר אין גאַנצן בין איך אַלט,“
זאָגט ווייך דער זיבעציקער־גרייז;
זיין פּאַטריאַכיש שלאַנק־געשטאַלט,
דורכזיכטיק, קלאָר, זיין וואָרט איז הייס.

מיט האָראָפּאַשניק האַנט אין האַנט,
מיט נייעם, העלישן געדאַנק;
מיט נאָווי פֿון דעם רויטנלאַנד,
האַלט ער דעם וועג מיט שטאַלצן גאַנג.

ער גלויבט אין קאָלעקטיוון בוי;
ער האַסט דעם קלויסטער, אויך דעם פּריסט.
און אַלע איבלען ווייסט־גענוי,
וואָס האָבן אונזער וועלט פֿאַרוויסט.

אַ וואָרימע טרייסט טראָגט אונז זיין בליק,
און מענטשלאַך ריין איז זיין באַשייד;
זיין רוף צום פֿרישן קוואַל פֿון גליק,
פֿאַר נייער וועלט, פֿאַר מענטשן פֿרייד.

איך בין גרייט

פויסטן קלאפּן אין די לאדן,
אין דער שווערער, שפּעטער שאָ;
שטימען קלינגען, האסט גערופן,
האסט געוועקט, מיך זיינען דא.

פרעג איך ווער איז אונזער פירער,
ווער האט עס די צייט באשטימט;
ווייזן זיי מיך אויף דעם שטורם,
אויפן רעווע פון דעם ווינט.

פראל איך אויף די טיר און פענצטער,
פינקלען אויגן פול מיט פרייד;
מיטן קאלעקטיוו פארבונדן האב מיין גורל:—
„איך בין גרייט!“

פאר פעלקער, פאר ראסן,
מיר בויען און ברעכן;
דער היינט איז אונז טייער,
ווייל טויט איז דער נעכטן.

ס'וועט ווערן

(דער אידישער קאלאניזאציע אין סאוועטן פארבאנד)

מיר האבן אויך אריינגעפלאכטן א רויטן פאָדים,
אין צייג פון בלוט און טרערן.
אויף שפיץ פון דעם באגינען,
דאס גרויסע ווארט צעקלינגט.
ס'וועט ווערן.

צעשווימען וואלקנס — שווארצע פּאָנים,
עס לייטערט זיך; עס ברעכן זיך נעקאָמע-שווערדן,
פון ווייטן גייט שוין אויף דער פרייהייטס
רויטער שטערן;
דאס גרויס ווארט צעקלינגט.
ס'וועט ווערן.

באגייטע לויפן אום און רופן:
קומט זיך פרייען!
דער שייער איז א פולער,
די פי פארטריבן אויף דער פאשע,
די רויטע פאן די פרוי און קינדער נייען.

אידישע שיקסעס

אידישע שיקסעס — ברוסטן ווי ברונעס,
באקן פארברענטע, ווי פלאמיקע פאנען.

שמייכלען ווי זילבערנע, לופטיקע פליטער,
רייצן זיי יאטן, די מוטיקע שניטער.

צייטיקן ווייצן אויף ערדישן דארעס,
רעגן זיך הערצער און צייטיקע ארעמס:

קרעפטיקע גלידער און ברענענדער ווילן,
שווער איז מיט פלאמען אין סטעפעס זיך שפילן.

רויט דער פארגיין און שיקסעס נאך רויטער;
ברייט איז דער סטעפ און די גלוסטונג פארשייטער.

צייטיקן ווייצן מיט שיקסעס צוזאמען;
צינדן זיך קאסעס מיט שניטער אין פלאמען.

נאך דעם שניט

מיך נעמט ארום
סעפּטעמבער פיבער־גלי,
אויף רויטן מאַן
מיין בלוט.
אויף געלן ווייטן זוים,
די מאָרגנס שאָטנדיק,
דיין הויך באַזילבערטער
דאַרטן רוט.

צעשפּרייטע ווייטן,
ברוינע טישטעכער,
דאָס לעצטע אויבסט
אין רויטן גלוט.
אויף שטיינגלאַך זאַנפּטיקע,
זיי ווילן וואַרעמען
מיין בלוט.

ווי פייגל עבאָס,
פון ווייטן טורמיקע,
דער וואָגן סקריפּ פון אויבסט און וויין.

און קיינער וועט ניט שטערן,
שטעלן אלע זיך אנידער דא פארוואונדערט אין די רייעז,
ווייל ס׳גרויסע ווארט צעקלינגט:
ס׳וועט ווערן.

מיר פּראָלעטאַריער

מיר פּראָלעטאַריער די אויוונס צעהייצן
מיט אייגענעם פייער, מיט אייגענעם האַס,
עס זאָל אונזער עמעס די הייזער פאַרפלייצן,
די אָרימע הייזער, די אַרבעטער גאַס.

מיט אונז, מיט צעקודלטע קעפּ, פרוי און קינד,
מיט פּאָנים צעקאַרבטן און עלנט אין בליק;
אַ לאָז טאָן זיך זאָלן אויף גרויסן בייז-וואונדער,
אויף היינקערס דעספּאָטן מיט מעסער און שטריק.

אַ פּאַך טאָן אַריבער די אַרגיעס צערייצטע,
אַ טראַג טאָן אין לופטן ווער ס'זיצט אויבן אָן;
אַ פלאַקער מיט ברוסטן, ווי אויוונס צעהייצטע,
צעוויקלען די בלוטיקע אַרבעטער פאָן.

אַ וועלט צו באַפרייען — אַ סימבע אַ הייסע,
פון רויבער וואָס נאָגן דאָס בלוט טאָג ווי נאַכט;
צעצינדן די מאַסן, ווי יאַמים די גרויסע,
דערקלערן די רייכע אַ בלוטיקן שלאַכט.

אויף טראקטן שטיינערנע,
דאס קליינע שייגעצל,
באם צוימל פירט
פאר וועלט דאס גליק

ביילקע

אויף די סקירדעס היי דעם גרינעם,
האט צערויטלט זיך באגינען,
אויף א סקירדע, רויט ווי פלאמען,
ביילקע קלייבט דאס היי צוזאמען.
ווינטלאך בלויע בלאזן קילע,
טראגט זי היי אויף פעסטער ווילע;
אויפן וואגן בא די זייטן,
בעטן אוים דאס היי די יאטן.

און די שווארצע פערד זיי סאפען,
מיט די שנאבלען פייגל קלאפן;
ביילקעס אויגן — שווארצער פייער,
ביילקעס באקן — רויטער שייער.
און די יאטן לאכן, שפעטן,
ווען דאס היי אויף וואגן בעטן,
ווארפט זיי ביילקע בינטלאך גרינע;
און עס רויטלט זיך באגינען.

נאר דער הימל-פארב צעפלעקטע,
און די יאטן אויפגערעגטע

ווייזיעס

שווארצע ראבן זיינען ערד באפאלן,
שווארצע כמארעס שפרייטן זיך מיט צארן;
איז אויף ערד אונז איינגער נאך געווארן,
הימל קוקט אראפ מיט אויג אומקלארן.

גאסן קוקן, ווארטן אויף געוויטער,
און פון הייזער הערט מען ניט א פארע,
בלויז דערביימער רויש, ווי אין א ציטער,
רופט: „פאר בלוטיק ווארט מאכט איצט א ווארע."

איז דער צאר נאך ווייטיקער און ביטער,
דאך פון ווייטן הערט זיך שוין א שאלן,
איבער וועלטס ניט אויסגענוצטע גיטער,
טראגן זיך שוין העפטיקע סיגנאלן.

הימל רייסט זיך בלוטיק דורך די שפארעס,
איבער וועלטס פארגרויטן אומדערוואכן;
און פון ווייטן פלייצן שוין די כמארעס,
דורך א בליציק-בלוטיקן נעצאָכן.

די אַרימע גאַס

מיין העלער פּאַקל ברענט,
די וועגן אַלע פריי;
איך האָב דיך באַלד דערקענט,
מיין אָנפאַנג ווייסער מאַי.

צעגרין, צעבלי, צעפלאַם,
דיין גאַנצע פרייד גיס אויס;
וואָרום האָסטו געזאַמט ?
מיין הונגער איז דאָך גרויס.

געביינקט, געדורשט, דערשטיקט,
מיין פיין אין יעדער נאַכט,
מיין טיפן צאַר פאַרוויגט,
און האָב נאָך דיר געגאַרט.

מיט פויק און טאַץ און פלייט,
מיט ליבשאַפט ניט מיט האַס;
דיך אויפנעמען איז גרייט
די אַרימע אַרבעטס-גאַס.

שרייען: ביילקע, ביזט א מאזיק !
שרייען: ביילקע, איז א קאזאק !
און אויף סקירדעס היי דעם גרינעם,
ארבעט ביילקע פון באגינען;
און אויף וואגן, בא די זייטן,
בעטן אוים דאס היי די יאטן.

אונטערן רויטן שאטן

מיר קינדער, ווי פארלארענע,
אין סטעפעס ווייטע פייערלאך.
מיר קינדער אָן א גאט,
מיר קינדער אָן יאנטייווים,
מיר קינדער, ווי דער שטויב,
אונטער די רייכע, בורזשואזנע פיס,
געדולדעט האבן לאנג, געליטן און געשוויגן.

אבער אצינד, ווען ס׳פלאקערן די סרייפעס
ארום אונז,
און צווישן רויט און שווארץ,
איז שארפער נאך דאס מעסער.
ניט גאט גייט אונז צו הילף;
דער פעטער, רייכער גאט,
דער גאלדענער,— פאר זיי,
פאר זיי זאל ער זיך מיען.

דער העלער פּאַקל ברענט;
דער האָראָפּאַשניק טריי;
צעזינג זיך, ניט געשעמט,
מיין לאַנג געווינשטער מאַי.

ליכטיקע לידער

מיר קינדער אָן א גאט,
אויף פרייער וועלטס בארוט.
אין פייערן גייען מיר אויף,
פאר נייע, פרייע וועלטן.
פון פארנט, לענינס שאטן, אין רויטן איינגעהילט,
מיליאנען גייען נאך,
מיר קינדער, נייע קינדער.

ליכטיקע לידער

אינהאלט:

רודזשהיל פארם	105
ליד נים געזונגענע	107
אויף א וועג	108
שאַנסאָן	109
פרייד	110
וועג-ליד	111
עלעקטרא-פערד	112
טיפער שניי	113
אפגאט	114
פאנטאסטישע סילועטן	115
פון מיינע קראַנקע טעג	116
דער מאניוקען	117
באם יוניווערס	118
אויף גרינע סטעפּעס	119
ווידערקלאנגען	120
אָווערטיורע	121
רעגונגען	122
קארמען	123
אונטער דער זון	124
אַ פונק	125
דער בעכער	126
אוונטשפּיל	127
ניינצן זיבן און צוואנציק	128
זייער ווייט פון דאנען	129

רודזשהיל פארם

האבן מיר זיך אויסגעזעצט גאנץ פּאַשעט אין א רעדל,
אויף דער גרינער, ווייכער מאמע ערד,
הארפּאשנע באווערטעס און פּראלעטארישע באווײַרים,
אונזער ווארט האט קײנער ניט געהערט.

ניט די בערג, וואס הויבן זיך אין הויכן ביז די וואָלקנס,
ניט דער טײַך, וואס זילבערט זיך גאנץ שטיל,
ניט די וועלדער באהאלטענע אין שאטנס,
ניט די גרויע, אלטע וואסער-מיל.

און פארצויגן לידער אויף די ווייטן,
האבן מיר דא אזוי העל און קלאר,
ניט געשולטע אלטעס און סאפּראנער,
און פארבונדן האט זיך דא א כאר.

הערצער בײַנקען פײַנלאכע נאך ווייטן,
כאפּט זיך אויף א כאווער און שרײַט אויס אויפן קאָל:
וואס האט איר צעפּעשטשעט זיך ווי ווייבער,
זיך פארבײַנקט נאך שימל פון אמאָל ?

ייִדישע
ביבליאָטעק
טאָראָנטאָ
JEWISH

ליד ניט געזונגענע

נעם צעקלינג אויף בלויע רינגען,
צינד מיין קאפ מיט צינטער פייער;
איך וועל זיך מיט זון צעזינגען,—
כ׳בין א יונגער, כ׳בין א נייער.

נעם צעבלאז אויף גרינע ווינטן,
כ׳וויל זיך מיטן זאנג באהעפטן,
און אויף לאנגע זילבער שרינטן,
וועל איך מעסטן מיינע קרעפטן.

נעם צעפאך מיט געל און רויטן,
מיט א שמייכל מיט א ליבן,
און צעשפיל פון הארץ אויף פליוטן,
וואס איז דארטן שטום געבליבן.

טוט א שפּיל א היימישע האַרמאַשקע,
מיט א ווילדן רוסישן פאַרנעם,
טוען זיך א הויב שוואַרץ-אויגיקע יונגע מיידלאַך,
מיט א טאַנץ און לידער מיט א ברען.

ווערט פאַרמעקט דער אנגעווייטער טרויער,
שוועבט אוועק די גרויקייט פון דער וואָך;
שרייען קלאַנגען איבער אַלע צווייפלען,
כאַפּט זיך אויף מיין האַרץ און לויפט זיי נאָך.

הויבן זיך די בערג נאָך העכער צו די וואָלקנס,
און דער טייך קאַכט, ווי א וואַסער-פאַל,
און די ראָד פון מיל צערוישט זיך ווילדער;
שפּאַלט די לופט דער „אינטערנאַציאָנאַל.“

שאנסאָן

ארומגעפֿלאכטן איז באַלקאָן
מיט ווײַנריב רויטע בלומען קעפּ:
„אַט שטיי איך דאָ אויף דײַנע טרעפּ
און זינג פֿאַר דיר, בלויז נאָר פֿאַר דיר,
מײַן זאַנפֿטיק, האַרציקן שאַנסאָן."

אַזוי זינגט יעדן טאָג פֿאַר מיר
דער ראָבין, מיט זײַן רויטער ברוסט.
ער זינגט און וועקט, ווי אומבאַוואוסט,
די לײַדנשאַפֿט וואָס ברענט אין מיר
צום ליד, צו פֿעדער און פּאַפּיר.

באַגליקט ווער איך מיט שאַפֿער פֿרייד,
און כ'פֿייל און מעסט און שלײַף און ציר;
און וואו איך טו זיך ניט אַ ריר,
קוועלט ליכט פֿון פֿענצטער און פֿון טיר,
אויף וואָרט און שורע און פּאַפּיר.

אויף א וועג

כ׳האב אויף א וועג, פילייכט,
פארגעסנדיק געלאזט אויך א פאר שפורן,
ס׳האט אין שטיין מיין פוס-טראט
מיט זיכערקייט געקלאפט.

גענומען האב איך ווינט און לופט און בלויע שטיקער הימל
פאר א זעקארן.
ווי א בלינדער האט מיין בליק די שיינקייטן געטאפט.

ווי פיבער אויף א קוסט,
ווען ווינטן אים צעפלעכטן,
האט ווינטישעס געצאפלט אין מיר, אזוי געטאנצט.

פארגעסן האב איך אין גאנצן, וואס האט געטראפן נעכטן:
צוויי וועגט מיט גרינעם וואלד,
און איבער זיי מיין היינט
מיט פולן גלאנץ.

א דריינגל אויף מיין אקסל, דאס דינע העמד צעכראסטעט,
פון פארנט זשום פון בינען און א רעווע פון א באן.
און איך צווישן מיילן הויכע, ווילדע סאסנעס,
מעסט וועגן. ווי דערמונטערט, מיט פעסטן נייעם שפאן.

וועג-ליד

קאַלטער זילבער איבער ווייטע סטעפּעס,
בלויער סאַמעט היינגט אויף ברייטן פעלד;
שאַטנס לויפן, ווילן מיך דעריאָגן,
ווייטע שטאָט מיט רויש האָט זיך צעהעלט.

רעדער שפּילן אויף דעם גלאַנץ פון רעלסן,
באַן צערעוועט זיך מיט ווילדער פרייד;
שטאָט גייט אויף אין ליכטיקע פאַקעלן,
איבער בערג האָט מאָרגן זיך צעשפּרייט.

האַרץ צעקלינגט מיט ציטערדיקן האַמער,
פרעמדקייט רייצט אויף אויסגעשפּינטן בריק,
באַן לויפט שווער און קלאַפּט מיט ניט דערגרייכונג,
נעפּל-ווייס צערינט אין לופט דאָס גליק.

פרייד

שפּיל אויס אויף מיינע ווינקל שויבן,
מיט בויגנס שטראַליקע און הייסע.
דער מאָרגן האָט זיך אויפגעהויבן,
אויף דינע וואָלקנס, גרינגע, ווייסע.

רייס אָפּ פון היינגל די קרישטאָלן,
צעשפּריץ זשאַסמין אויף אַלע בייטן,
פאַרטרינקען וועלן באַרג און טאָלן,
די בלאָע ציטערדיקע ווייטן.

און איך מיט דיר פון גליִ-באַקאָלן,
די לעבנס פריידן וועלן טיילן,
בא שטיקער זון מיט בינטלאַך שטראַלן,
די קאַרגע טראָפּנס גליק ניט ציילן.

טיפער שניי

פון ל. וו. באוומאן

דימענט שטויב,
איבער א זילבער ווייסן דעמב,
פארטוליעט טיף
מיט שנייען
די הויכע ווענט.

און דו.
א רויטער פויגל,
מיט פליגל פלאטער אט א דא,
איבער מיין זעל,
אין וועלטלאך שפעטער שאָ.

עלעקטרא - פערד

איך זיץ אין קאר געשפאנט.
טרייב די עלעקטרא פערד,
ביז טונקל-ברוינעם ראנד,
צעליכטיקט ליגט די ערד.

דער קיווער בלאנקט אויף קאָפּ,
דער פּלאשטש אויף אקסלען העל;
די רעדער אין גאלאפּ,
א ליד צערייסט מיין קעל.

ווער איז מיין פּאסאזשיר,
וואס איז היינט אויפגעלייגט ?
צי זיצט ער ניט אין מיר
באהאלטן, ניט אנטפּלעקט ?

און שרייט ארויס און שאפט
אריבער ווייטסטן טאָל;
באגייסטערט קומט, מיט קראפט,
צוריק דאס ווידערקאָל.

איך זיץ אין קאר געשפאנט;
עס זינגט מיין פּאסאזשיר,
פון דיכטערס וואונדערלאנד,—
ווי פרייד געזאנג אין מיר.

פאנטאסטישע סילועטן

שטעקלאך הענט און גריבלאך אויגן,
פיס ווי דריינגלאך, העלזער דינע,
און עס כארבלט מיר צוקאפנס,
ווי דער רעגן פון דער רינע.

מיילער, לעבער, אקסל ציטער,
שויבן שפיגלען שווארצע ברעגן,
און זיי קומען גאנצע מאכנעס
סילועטן מיר אנטקעגן.

וועלט פאנטאסטיש-שויב מיט פלאמען,
קוק איך לאנג מיט דורשט אין הארצן;
איבער מיר האט נאכט צעציטערט,
אויסגעשפרייט א שפרוך א שווארצן.

אפגאט

צעשטויב די גרינסן פון דעם וואלד,
די ארקעס שפרייט אויס פרייער
און טיף אין הארצן זיי באהאלט,
פון זומער טעג דאס פייער.

די פארקנס פלעכט פון העלפנביין,
די סטעזשקעס שפרייט מיט העלן;
און וואו דיין שיינער פוס וועט שטיין,
מיין רעגונג וועט ניט פעלן.

צעווארף דיין שלאַנגישן זיגזאג,
ביז טאל, דעם ווייטן, שטילן,
וואו גלי-ווערים, ווי פייערווארג,
באם טאַנץ אויף דאפאדילן.

אליין באהאלט זיך אין א סוד,
מיין נייגער זאל אלץ שטייגן;
איך וועל דיך קרוינען פאר מיין גאט,
דו שמייכלענדיק וועסט שווייגן.

ביבליאטעק און לייען־צימער פון יידיש נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד
LIBRARY AND READING ROOM OF THE
Jewish National Workers' Alliance

דער מאניוקען

אין ווינקל נאקעט קערפערלאך,
די היפטן רינע, ברוסטן קליין,
די דראפערי אראפגעלאזט,
דער מאניוקען דארט שטייט אליין.

נאך לאנגן טאג אין רייכן פוץ
פאר דאמען-קליידער אויסגעשטעלט;
איצט אויסגעטאן, באדויערט שטיל
דער מאַניוקען זיין אייגענע וועלט.

ארום איז טונקל אויסגעהוילט,
פארלאשן ס'לעצטע ליכט אין רער,
בלויז גייסטער שאַרן זיך ארום
און מאכן דאס געמיט נאך שווער.

און מאניוקען מיט האס אין ברוסט.
וואלט זי געהאט א צונג אין מויל,
דער גאנצער וועלט וואלט זי אנטפלעקט,
פון דאמען סאָר דעם טיפסטן גרויל.

פון מיינע קראַנקע טעג

דער פרילינג האָט א קלאַפּ געטאָן אין טיר,
א שמעק געטאָן דורך פענצטער האָט מיט בעזש,
צולאַכט האָט זיך דער הימל איבער מיר,
דער טאָג האָט זיך פאַרפּוצט מיט ווייסע וועש.

אין האַרצן האָט בא מיר זיך ווילד צערוישט
א יאַם, וואָס האָט געגליווערט אַזוי לאַנג.
געקלאַפּט האָט ווער מיט קיפּער-רויטן פויסט
איבער מיין בלוט מיט גלוטיקן פאַרלאַנג.

פאַרסאַמט פון פרילינגס קאָכעדיקן קאָס,
באַרוישט פון דעם צערייצטן נאַכטיגאַל,
געלאָפן בין איך קראַנק פאַרביי דיין הויז,
און דורשטיק האָב געזוכט דיין קילן קוואַל.

אויף גרינע סטעפּעס

אויף גרינעם ברייטן סטעפּ
צעהוליע זיך, ווער אינגער.
די שווערע לאַסט פון שטאָט
טו אויס און מאַך זיך גרינגער.

צעברעך דעם שווערן יאָך,
וואָס דריקט, ווי אייזן פּרעסטעס;
מיט ווילדקייט טרינק זיך אָן,
צערייס די איינגע פּענטעס.

אויף גרינעם, ברייטן סטעפּ,
וואו זון גיסט אויס איר פייער;
אין פרייקייט פון געָנוס,
אַ מענטש ווערסטו אַ נייער.

באם יוניווערז

אויף ווייטע באזילבערטע הויכן,
ווי ווייסע סטאטועס די קעפ.
וואו אויג קאן דיין גרויסקייט ניט גרייכן,
אין אייביקן שווינדל פון טרעפ.

ווען נייגער צערינט אין דיין פלאקער,
און סוידעס ווי פעלזיקע ווענט;
סייכל איז מיר פון דעם אקער,
שוואך, ניט באריבאר די הענט.

בליציק דער אויפגאנג אויף וועלטן,
מארגן אויף ערד זיך צעשפילט;
נישטיק בא דיינע געצעלטן,
שטיי איך און גאף, ווי א מילב.

אווערטיורע

דער מארגן בייט שוין זיין מארשרוט
און וועגן שניידט ער אומבאמערקט;
אויף הויכע פלעצער ווייזט זיך שטאט,
און ליכטלאך שטארבן אין די בערג.

מעס-לעס האט לאנג זיך אויסגעהויכט,
די לופט איז ריין אוןווארט אויף וואָרט.
אין רינגען וויקלט זיך דער רויך,
דאס בלויע וואסער רוישט און קאכט.

אויף מיזראך ברענט מיזבייאך רויט,
הוסארן ווי אויף זילבער פערד,
מיט שארפע שפיזן זיינען גרייט
זיך לאזן אויף דער גרינער ערד.

ווידערקלאנגען

הערסטו דעם רוף פון ווילבערנע טרומפייטן ?
ס'איז ניט קיין רוף צום שווערד אדער צום שלאכט,
עס האט אויף פעלדער גרינע, ווייט צעשפרייטע,
מיין יונגער כאָלעם ווידער אויפגעוואכט.

הערסטו פון עכאָס דעם אפקלאנג וואס צעפאלן
פון גרויען פעלז, וואס קוקט ארויף און גאפט ?
און בא די קנעכלען ווילבער וואסער פאלן;
דאס רוישט אין מיר צוריק מיין יונגע קראפט.

הערסטו דאס ליד צוריק, ווען שניטער קומען
און רויטע זון קושט הייס דעם האריזאנט ?
דאס וועבט מיין הארץ פאר דיר די ווילדע בלומען,
זיי זיינען ווילד, דאך העכסט אינטערעסאנט.

קארמען

רויט צעצינדט זיך דער באגינען,
כ׳קאן מיין הייסן דראנג ניט צאמען,
ס׳האבן אויפגעטובט געפילן,
זינג פארטאג מיט מיר צוזאמען!

קארמען טאנצט פלינק אויף דעם טישל,
קלאפט און פייקלט שוין צום רומל,
רייצט זי מיך מיט טויזנט כיינען,
קוש איך צאפלדיק איר בלימל.

ברומט אין רויט-גלאדיאטאר.
ווער איך אייפערזיכטיק, (שרעקלאך),
רייס איך אויף דאס שארפע מעסער,
קארמען לאכט מיט טויזנט גלעקלאך.

ס׳איז דיין פויגעלע דיר הארציק,
נעם צוקוש איר יעדן אייווער;
זי וועט לאזן זיך אומארמען,
ווייל זי ליבט דיך ביז דעם קייווער.

ס׳לאכט זיך קארמען הויך פאנאנדער,
כ׳לויף און וויל זי ניט פארלירן;
פאלט דער פארהאנג פון באגינען,
ווייך ווי זיידענע פארטירן.

רעגונגען

צו דעם יונגן בלי אויף בייטן
קומט מיין גרויסע פרייד צו רייטן,
ואמלט טויען, זאמלט שפיגל,
זאמלט פּאַך פון ווייסע פליגל.

אויף די לאנקעס גרינע ווייטן,
קומט מיין הייסער דראנג צו רייטן;
זאמלט סאמעט, זאמלט פלאמען,
ציטערט אויף מיט זון צוזאמען.

ווען די וואלקנס ויידנס שפרייטן,
קומט מיין זעל מיט דורשט צו רייטן;
וואקסט און וואקסט פון ווילדן גאפן
און באזינגט דאס וואונדער שאפן.

א פונק

ניט גרויס,
ניט שטאַרק,
אבער געהייליקט
און געהיט, ווי דער שוואַרצאַפּל.
כווישעך איז ניט שוואַרץ מיט אים,
טרויער איז ניט טרויער מיט אים,
און שטרויכלונג א פאַרגעבונג בלויז.
א פונק,
א קליינער פונק אין גרויען אש,
באַהאַלטן ליגט און וואַרעמט.
א קוק מיט ריינקייט, ווי א קינד,
און זינד.
איך גיי מיט אים אין וויטסטן וועג;
זיין הייליק ליכט אויף אַלע מיינע טעג.
ער הייליקט און דערוואַרעמט.
ווער ווייסט,
צי האסט עס טרייסט,
צי אפּטעמיזם
און עפּשער ביידע ניט,
ער איז אבער שטאַרקער
פון די דערפאַרונגען אין לעבן;
אין מיטן קאַלטער וועלט
א ליכטיקער לאַמטערן.

אונטער דער זון

איך האב פון אזוי פיל פענימער געלעזן,
וואס צייט און נויט און פרייד
האט אויסגעקריצט.
און איבער אלע איין הימל מיט איין זון,
וואס טוט א שפריץ מיט ליכט.
און אלע אויגן ווערן לויטער פייער,
אויף אלע ליפן שמייכלען,
אויף אלע הויטן פרייד.
די שווארצע זארג
גראבט איין דעם קאפ אין אירע פליגל און שווייגט,
און גרויע וואלקנס שמעלצן זיך אין ליכט.
אין ליבשאפט הויבט זיך אויף,
פארגעבונג פלאטערט,
און מענטש דערקאנט דעם מענטשן.
דער שאפער טוט א גלעט און נאך א פענזל-פיר,
קעדיי דאס לעבן פולער מאכן;
די גאנצע וועלט זינגט דאן א לויב,
א לויב געזאנג צום אפגאט פייער-זון,—
די גרויסע ראד וואס פלאמט
און גיסט דאס ליכט און פרייד און היילונג,
פון פרייהייט, ארבעט און קאלעקטיוו.

LIBRARY AND READING ROOM OF THE
Jewish National Workers' Alliance

אוונט שפּיל

פידלער, שפּילט באַנאַכט,
איך ליג מיין העפט אוועק;
פידל שפּילט
און וועקט.

קומען וואַסער-ליליעס
און בויגן אויס די קעפּ,
און פלעכטן זיך ווי דינע טענער
פון דעם ניגן.

פליסט דורך אַ שמאַלער שטראָם,
אַ זילבער שנירל;
און בלויע נאַכט
שליסט אויף אַ קליינטשיק טירל
און וואַרפט אַראָפּ
אַ פינקעלדיקן שטערן.

פרעסט זיך אַזוי מיין האַרץ,
שאַ, פריידנס טרערן.
דריי טענער
אין די נעשאָמעס בלינדע פאַלדן,
אומרואיקע האָבן זיך באַהאַלטן.

דער בעכער

יהואָש׳ן

פון דיין בעכער ווייַן
האָב איך פאַרזוכט,
און גרינג איז מיר געוואָרן.

אויפגעגאַנגען אויף מיין אָרימען בייט,
אַזוי פיל פרישע ווייץ,
מיט גרין און גאָלדענעם קאָרן.

איז מיר געווען אַזוי גוט,
אין רעגנבויגן פון דיינע טרייסט־קאָלירן,
דאָך האָט געפּאַכט אַזוי מיין האַרץ.

אַ רייז אין מיטן בליען,
דיך זאָל איך ניט פאַרלירן.

זייער ווייט פון דאנען

Bien loin d'ici — שארל באדלער

דער קאסטן אין קאמער וואס שטייט,
אין אים ליגט דאס מיידל שוין גרייט,
די הענט אויפן בוזים פארשפרייט.

זי ליגט, ווי זי הערט זיך נאך איין
צום הארציקן, ווייטן געוויין,
וואס פליסט אין דעם רויש פון באסיין.

ס'איז רואיק דאראטעיעס איינג הויז
און זי הערט ווי ווינטן דארט בלויז,
וואס רופן זיך איבער גאנץ לינד,
ווי דאס ליד צו פארוויגן א קינד.

פון פיס אזוי ווייך ביז די הענט,
זאלבט ווער נאך איר הויט ווייס-געבלענדט,
און מיט פארפיום פון די מירטן נעשאמע-ריין,
וואס שטארבן אין ווינקל געהיים.

ניינצן זיבן און צוואנציק

פונקען קליינע — פייערדיקע ווערים,
שפרינגען אויף פון אוונטס טיפע פאלדן,
זומער שפרייט אויס גרינע, ווייכע קישנס,
צווישן שאטנס ווען מיך באהאלטן.

נאכט צעדינט דורך בלעטערדיקע צווייגן,
דאָרעם טראגט לעוואנע רויט פארבלוטיקט;
דורשטיק ציען זיך צו רוים קאשטאנען,
כוואליען־שפיל אין ברייטן לייק איז גלוטיק.

נעם פארקריך אויף טאוול מיין נעשאמע,
נאכט און קוסטעס, בלעטער אזוי גלאנציק;
מיין זעקאָרן וועט אייך ניט פארמעקן,
זומער נעכט פון ניינצן זיבן און צוואנציק.

געמישטע לידער

געמישטע לידער

אינהאלט:

אין מיין סטודיע	135
אין שינק	136
אנטרע	137
טינטער טיגט	138
שטויב	139
שארפע קאסעס	140
אפגעזונדערט	141
די שטראף	142
צווישן פיר ווענט	143
אלטערטום	144
נאך דער הוליאנקע	145
דער סקעלעט	146

אין מיין סטודיע

צווײ בענדער אויף מיין טישל,
באדלעדס די „פלער דע מאל;“
אויף טעצל אש א ביסל,
אויף העפט א בלאסער שטראל.

א ביסן ברויט פארבליבן,
א האלבע גלאז מיט טײ,
א שורע אויפגעשריבן,
דאך שארף איז נאך מיין װײ.

באם טיר מיין גראבער שטעקן,
א ליילאך אויף מיין בעט;
אויף פענצטער — גרויע שרעקן,
אויפן וואנט היינגט מיין סקעלעט.

א פליג ושומט אויס אקארדן,
באם שווארצן, קאלטן גלאנץ;
דאס ליד איז בלויז פון מארדן,
אין טאנץ פון טויטן-טאנץ.

איך בין אין זיך געשרומפן,
די צייט שפרייט פליגל שווארץ,
און שפילט ווי מיט א דומפן
אינסטרומענט אויף מיין הארץ.

אנטרעי

קומט אריין, די טירן זיינען אָפֿן,
דאָס לעמפּל ברענט איבער מיין טונקלעם טיש.
אויף טישל טינט און שאַרפֿע, דינע פּעדער,
און אויף דער וואַנט אַ נאַקעטער פּאָרטרעט.

זעצט זיך. איך האָב קיין ווייכע שטולן ניט,
און די ווענט זיי זיינען אויסגעפּלעקט.
מיין האַרץ איז ריין, איך קאָן דאָס אייך פאַרטרויען;
ווער ס'קומט אריין, מוז ווערן אנגעשטעקט.

אָט צינד איך אָן, דער פלאָם ווערט העלער, שאַרפֿער
אַ סך ייפּע. ס'ברענט מיין אויג און מויל;
עס ברענען ווערטער. שורעס, גאַנצע בלעטער.
מיר ווערן געטער און ברענען אין איין קויל.

אין שיינק

כ'האב נעכטן זיך פארשיקערט שפעט,
פון פראסטע האראפאשנע רייד,
אין שיינק באַ גלעזער ביר.

א פונק האט אומגעטאנצט אויף גלאז,
און ער — מיט רויט צעפלאמטער נאז,
געפלאפלט האט צו מיר.

דער בלויער רויך אין ראר צעגייט,
אין הארצן צאפלט זיך א פרייד,
עס בינדט זיך אויף די צונג.

אין מויאך טוט עפעס א ביס,
א קלאפ א האסטיקער אין טיש
און אויף די פיס א שפרונג: —

פארדאמטע וועלט אין איינגן שרויף,
ווי לאנג וועט זיין מיין בלוט פארקויפט
צו אייער בייזען מאכט?

ער זיצט אנטקעגן קאפ אויף קני
און פלוצלונג טוט ער זיך א צי
און האט זיך ווילד צולאכט...

שטויב

שפּרייט זיך אונטער קישן,
גרינגע, ווייכע רו;
איך בין שוין צווישן
נאכט-ליכט מער ניטא.

ווייט ווי ווער צעשאטן
טענער האט באם ראנד;
שפּילט א שארף אויף מאטן,
האלז מיט גרינגער האנט.

נעם מיך;— איך ווער גרינגער
און אט בין ניטא,
ווייל אויף דיינע פינגער.
בלייבט מיין לעצטע שאָ.

טינטער טינט

אין טינטער טינט,
אזוי פיל אייז און פייער.
דיין שטילער פיר
פארברענט מיין הארץ.—
אמאל צעשיטן זיך,
ווי קילע קושן,
אין גליווערן מיין מארך.

אין טינטער טינט,
אזוי פיל סוידעס.
דו ביזט מיין פרייד;
און רויטער קאכט דאס בלוט:
אט קריכן שלאנגען פון מיין זעלע,
און גיפטיק בייסן זיך אין אייגענעם לייב.
אַ, טינטער טינט,
דו ביזט דער שווארצער יאם.
וואו פערל ליגן,
אויף דיינע גרונטן,
און שטערן שפיגלען זיך
אויף דיינע פלאכן,
טינטער טינט.

אפגעזונדערט

פארזיגלט איז מיין טיר,
און ווייט פון דיין געהער;
דו פרעגסט זיך ניט אויף מיר,
דארום איז אזוי שווער.

צעעפן איך געהיים
מיין הארץ, מיט שארפן שניט,—
נאָר דו האָסט ניט דערזען,
וואָס האָט זיך דאָרט צעבליט.

האָב איך זיך ווען באַקלאָגט,
איך האב זיך בלויז פארוויגט;
און האב איך ניט דערזאגט,
איז דאך דיין ווייַ אין מיט.

שארפע קאסעם

איבער פעלדער ווייצענע, שארפער, גרינגער שניט,
און מיט הויך פארפלייצענדן שמעקט דער ווייסער בליט;
זאנגען שווערע. וואגיקע, בויגן זיך מיט זעט,
טויען גלאנץ פארטאגיקע פינקלען נאך ביז שפעט.

קאסעם שארפע בליציקע פאכען פול מיט ברויז;
ס'איז דער שניט א היציקער; און די פרייד איז גרויס.
אויפן פעלד געראטענעם, פאלט דער זאנג באם וועג,
פאלן אויך פארשניטענע, קארגע שניטערס טעג.

ס'איז די מי א מוטיקע, פולט זיך אויס די ברוסט,
איז דער טאג א בלוטיקער, רוישט אין הארץ די לוסט;
שארפע קאָסעם בליציקע, זאנגען-פאל באם שניט,
אין דעם שניט דעם היציקן, וואקסט שפראצט און בליט.

צווישן פיר ווענט

ס'וועט קיינער ניט וויסן,
זאל קיינער ניט וויסן,
וואס טארטשעסטו טיף, אזוי טיף מיין געוויסן.

ס'וועט קיינער ניט הערן,
זאל קיינער ניט הערן,
מיין הארץ ניט באקלאג זיך; ס'וועט גרינגער ניט ווען.

ס'וועט קיינער ניט פילן,
זאל קיינער ניט פילן.
אליין וועל איך אויסגיין אין א ווינקל א שטילן.

די שטראָף

האָב איך זיך אנגערירט אין וואָרט,
צעפּאָלן איז דאָס ווי די שערבלאַך;
און ווי מיט אָפּיום פול מיין גוף,
געקלונגען האָט עס מיר אומשטערבלאַך.

צי וואָס האָב איך די האַרטע שוועל
געדאַרפט פאַר נייגער גאָר באַרירן,
אַז ווייטיק, ווי אַ קראַנקע גיפט,
שפּרייט טויט פון אַלע זיינע טירן.

איצט טראָג איך זיך מיט וואָרט אַרום,
צעבראָכן, קראַנק, ווי אַלע שערבלאַך;
מעפיסטאָ לאַכט אויף יעדן ראָג,
די עכאָ קלינגט מיר אָפּ אומשטערבלאַך.

נאך דער הוליאנקע

באַם טיש איז קיינער, בלויז די לערע גלעזער,
דער רויש פון נאַכט הוליאַנקע איז שוין אויס.
צעטראָטן ליגט אויף דיל אַ בלאַסע רויז,
און ס׳קלאַפּט פון וואַנט דער זייגער מיט אַ בייזער.

די לופט איז פול מיט וויין און רויך און לידער,
די פּוסטע פלעשער ליגן אויף דעם דיל;
נאָר שאָטנס שאַרן זיך אַרום נאָך שטיל,
אין ווינקל שטייט דער גראַמאַפאָן אַ מידער.

די שוואַרצע נאַכט קוקט שטום אויף אַלע שויבן,
פון רייכן זאַל, וואָס איז געבליבן פּוסט,
אַזוי ווי נאָך פון פריער האָט זי געוואוסט
די סוידעס פון הוליאַנקע און באַטויבונג.

דער שלאַפּצימער האַלב אָפן איז אין גרינעס,
עס הערט זיך ניט דאָס אויסגעשריי פון געסט.
פאַרזויפן ליגט דאָס רייכע פּאָר, שלאָפט פעסט —
דער ווינט צעפּאַכט די זיידענע גאַרדינען.

אלטערטום

ווי דער אינוואליד, וואָס לעבן האָט אויף וועג פארגעסן,
אָן אלטער טאָפּ, וואָס וואלגערט זיך אין מיסט,
צי ווייסער בעטלער אויף א שטיין פארזעסן,
זיצסטו אזוי מיין אלטערטום פארוויסט.

א קלויסטערל, א שולכל, קונסט, ארכעקטורן,
מיט שימל גרין אויף שויבן און אויף ווענט;
די פארמעט בלעטער פון יעוואנגליום, פון ספאָרים,
זיי האָבן לאנג, ווי קנויטן, אויסגעברענט.

דאָס גרויע אש נאך שוימרים א פּאָר היטן,
דער ארכעלאג פארצייכנט, מעסט און ציילט;
דער טויטער בוים ער גיט שוין מער קיין בליטן,
דאָס אלטערטום עס האָט זיך אָפּגעשטעלט.

פון ווייטע צייטן הערט זיך בלויז א רוישן,
א ווידערקאָל אויף לעבנס-יאם דעם גרויסן.

פון זעלבן אויטאר:

די שטאל

אלעגארישער איינאקטער

אין געראנגל

לידער

פענטעס

לידער

דער סקעלעט

עס אַרט מיך ניט דיין שטאַנד און ווער דו ביסט,
מיט נאַכטישע וויזיעס בייז גערעגטע,
דו שטייסט אזוי און לאַכסט מיט שאַרפן ביס,
מיט ביינערדיקער נאַקעטקייט אַנטפּלעקטער.

דיין ברוסטקאַסטן איז אָפן פאַר דער וועלט,
די קנאַכן זיינען גרייט פאַר אַלע וועגן;
און פון דיין בוזעם בלאָזט אַ שאַרפע קעלט,
דער שאַרבן פוסט איז פון דעם גרויס פאַרמעגן.

איך ריר די ביינדלאַך און פון דיינע הענט,
זיי דאַרפן גאָר ניט און קאָנען גאָר ניט געבן,
דיין אויגן-לאָך ער ווערט מער ניט פאַרבלענדט,
דו לאַכסט זיך אויס פון מיר און פין מיין לעבן.

איך הער נאָר אין דעם שאַרך דיינעם „שטודיר.“
פון מיינע ביינער און פון מיינע קנאַכן;
עס ווײַנט עפּעס אַ געהיימניש אין מיר,
דיין לעבן האָט אין מיט זיך צעבראַכן.

34

3380 פאעז.

ל. ניפאר

פינגיס

פולרז

#3380

פולץ

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT

21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it.

A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

DEC 18 '75

DEC 5 '86

ייִדישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO